STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09449

# A TLIE UNTER DI SHTERN

Yonia Fain

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# א חליה אונטער די שטערן



יאָני פּײַן

# אַ תּליה אונטער די שטערן

מעקסיקע, 1947

"A TLIE UNTER DI SHTERN'
UN CADALSO BAJO LAS ESTRELLAS

COPYRIGHT, 1947 BY
**JOÑI FAIN**
Puebla 407, dep. 2
MEXICO, D. F.

דאָס בוך „אַ תליה אונטער די
שטערן" האָט געקענט דערשיינען אַ
דאַנק די פריינט: משה רובינשטיין,
י. אייבראַמס און ש. מינדלין.
זיי מיין וואַרימסטער דאַנק.
י. פיין.

ארויסגעגעבן און געדרוקט דורך
„די שטימע" — אין מעקסיקע.
———( 0 )———
זומער — 1947.

# אינהאַלט:

## פון אוונט ביז אָוונט


א ו נ ט — — — — — — — — — — 17
לאמיר ווערן קליינע קינדער — — — — — 19
איך וואַרט — — — — — — — — — 21
דעם הוט פאררוקט — — — — — — — 23
וויג - ליד — — — — — — — — — 25
די מאַנדאַלינע — — — — — — — — 28
זאלסט מיך מיט קיינעם ניט פארגלייכן — — — 30
מיך היטן גוטע פריינט — — — — — — 32
דאס צארטע ווארט — — — — — — — 35
איך ווייס ניט — — — — — — — — 37
ס ע ר ע נ א ד ע — — — — — — — 39
קאטערינקע - ליד — — — — — — — 41
טוט אויס די קלעפיקע מונדירן — — — — 43
זיי געזונט — — — — — — — — — 46
אוונט אויף דער וועלט — — — — — — 47


## צעשאָטענע וועגן


דורך דער טויטער שטאט — — — — — — 53
איך האב זיך פארזאמט — — — — — — 55
פארטריקנטע טייכן — — — — — — — 57
שאנכייער הויף — — — — — — — — 59
איך וועל זיך אמאל פארגעסן — — — — 67
שאנכייער פארשטאט האנקיו (1) — — — 69
שאנכייער פארשטאט האנקיו (2) — — — 73
איך קום און גיי אוועק — — — — — — 77
דער שאנכייער יידישער בית - עולם — — — 80
ס'איז שווער צו לעבן — — — — — — 84
מיטן אלטן וועג — — — — — — — — 87

## רויטער טוי

פינגער קלאַפּן — — — — — — — — 93
וואָס ווילסטו קינד — — — — — — — 95
דער גורל — — — — — — — — — 97
אַ דאַנק אײַך — — — — — — — — 100
גיב מיר כּוח — — — — — — — — 103
דער שוואַרצער יום־טוב — — — — — — 106
איבער יאַסעלעס שטיבעלע שטייט אַ דײַטש — — 108
מיט זיך אַליין — — — — — — — — 110
ב אַ ל אַ ד ע — — — — — — — — 112
דער בלינדער פויגל — — — — — — — 114
ט אַ נ ץ — — — — — — — — — 116
מלחמה באַלאַדע — — — — — — — — 119
דאָס רויטע שנירל — — — — — — — 123
איך האָב געזען זיך שטאַרבן — — — — — 125
מײַן ליד — — — — — — — — — 127

## דורך אַ שפּאַלט אין הימל

אַ שפּאַלט אין הימל — — — — — — — 131
די באַלאַדע פון פרעמדער שרעק — — — — — 133
הער מיך אויס — — — — — — — — 136
איך האָב באַנומען — — — — — — — 138
אין צירק — — — — — — — — — 140
א י ד ? — — — — — — — — — 142
ט ע מ פּ ל ע ן — — — — — — — — 143
צו וואָס — — — — — — — — — 144
לײַכטער שפּאַס — — — — — — — — 145
עס טרעפט — — — — — — — — — 146
ביסט ניט ווי אין מײַן טרוים — — — — — 147
מײַן שכן — — — — — — — — — 148
די צוואה פון אַ לידל־שרײַבער — — — — — 149

דער וועג פון דעם שפּילער אסושו נאמירו — — 150
א גוטנאַוונט דיר — — — — — — — 158
א י ר — — — — — — — — — 160
ג ע נ ו ג — — — — — — — — 161
די וועלט האָט פאַרגעסן — — — — — 163
מ אַ ר ד ו ק — — — — — — — 165
אין ראָד — — — — — — — — 169
די רוסישע באַלאַדע — — — — — — 172
שלאָף מיין קינד — — — — — — — 175
אויף קיין תליה בין איך ניט געהאנגען — — 178
משיח אין מיידאנעק — — — — — — 180
צו דער זון — — — — — — — — 183
איך בין געהאַנגען לעבן דיר — — — — — 191
מיין פאָלק — — — — — — — 195
דו ווייטער נאָענטלינג — — — — — — 203

# פון אָוונט ביז אָוונט

# פון אָוונט ביז אָוונט

# אָוונט

שלאָפן שליאַכן טונקעלע, ווי לאַנגע שלאַנגען,
וויקלען רויכן זיך, ווי סטענגערס ווייסע,
מיט די שליאַכן איז אַ מאָן פאַרגאַנגען,
מענטשן ווייטע לעבן אין מעשה.

גייט לבנה אויף אין הויכע הימלען,
וויגט דער ווינט א פוסטע וויג,
אַלטע פלויטן נעמען שימלען,
אויף א מת קריכט אום אַ פליג.

וואס איז דאס, יאָ, טאַקע וואס?
חלום פינסטערער אין וואָרט פאַרדרייט?
האָט דער אומעט וואָרצלען ווייסע?
האָט איר נעסט די פרייד?

שאָטנס האָבן בלויע פינגער,
וויינען קלאָווישן פון זיי,
ס'איז דער נאַכטיגאַל אַ זינגער,
ווער זינגט אויס א שטום געשריי?

שפיגלען האָבן גרויע אויגן,
קוקן זיי אויף מענטשן מילד,
ווער קען זיך פאַר שפיגלען בויגן,
זען אין זיך אַ שפיגלס בילד?

קעץ, וואָס שטאַרבן לעבן פּרויעז,
מיאוקענעז דערנאָד ביינאַכט,
ס׳איז אַ ליגן? ווילסט ניט טרויען?
ווייז, ווער ס׳האָט דאָס אויסגעטראַכט.

אָ, ס׳איז אומעטיק צושלייכן,
שפּעט אין האַרבסט דורך גערטנער פּוסט,
ס׳דאַרף ניט אומעט קיין פאַרגלייכן,
שוין אין וויג איז ער באַוווסט.

נאַרישקייטן? גראַמען? גראַמען?
צינד דעם לאָמפּ און אַלץ צערינט?
ווערזשע זיצט מיט מיר צוזאַמען,
איידער אָוונט-גרוי פאַרשווינט?

## לאָמיר ווערן קליינע קינדער.

לאָמיר ווערן קליינע קינדער,
די שפּיל איז גרויסע ז׳מיר דערעסן,
ווי לאַנג קען מען דען מענטשן נאַרן,
אָדער צו אָפּנאַרן פאַרגעסן?

לאָמיר אַוועק פון ברייטן וועג,
אויף פיר פיס היפּן, מעקען שטיל,
ווי לאַנג קען מען דען וועלן גרויס זיין,
און אויסוווערטלען יעדער געפיל?

מע־מע, מע־מע, צוויי ציגן־בעק,
אַכט פיס, פיר אויגן און צוויי בערד,
דער מענטש ליגט אין אַ טעפּל בלוט
און פונם בלוט איז רויט די ערד.

מע־מע, מע־מע, זאָל מענטש דאָרט ליגן,
ווער דאַרף דעם זיך פון דעם דערגייין?
גענוג, אַז יעדער לאַכט פון ציגן,
און וואַרפט זיי נאָך אַ שטיין.

מע־מע, מע־מע, דאָס גראָז איז גרין,
ווער דאַרף דען דאָס פאַרשטיין,
די גרינקייט האָט פאַר זיך אַ זין
און אָט דער זין וואַרפט ניט קיין שטיין.

אויף אַלע וועגן שטייען קרייצן,
דער מענטש קניט דאָרטן לאַנג.
נאָר ציגן דאַרפן דאָך ניט קניען,
רײַן איז אַ ציגישער פאַרלאַנג.

לבנות, זונען און באַגינענס,
איז גוט מיט גראָזן צו פאַרבײַסן,
און גוט איז שאָקלען מיט די בערד,
און קאָרע פון די בוימער רײַסן.

דער מענטש איז דאָך אַ שוואַרצער דענקער,
זײַן האַנט פאַרלעשט דאָס ליכט פון טויען,
אין בלוטן טראָגט ער אויס געזעצן,
ווייל ר׳קען דעם בלוט ניט טרויען.

לאָמיר ביים ראַנד פון וועגן היפּן,
אויף קיין זאַך דאַרפן מיר ניט בעטן,
מיר דאַרפן ניט קיין גענעראַלן,
און ניט קיין לירישע פּאָעטן.

א טײַך, אַ לאַנקע און אַ סאָסנע,
און דאָס איז באַלד גענוג,
דער ווינט איז דאָך אַ צויבער-זינגער,
דער הימל איז אַ זונען-קרוג.

# איך וואַרט.

דער רעגן טאַנצט אויף דינע פיס.
זײַן האַרץ, — אַ בלאַט פאַרדאַרט.
איך זיץ און בלעטער דורך אַ בוך,
און וואַרט און וואַרט און וואַרט.

דאָס בוך האָט אותיות אַן אַ שיעור,
זיי צאַפּלען אויף, ווי קינדער פינגער,
צו לייענען ביכער האָט ניט קיין זין,
נאָר פון דעם זינלאָזן ווערט פאַרט מיר גרינגער.

כ׳זע דאָרט אַ פרוי מיט מילך־קאַנען,
אַ האָן, אַ סאָסנע און אַ פּלויט,
אין ווייטן שפּילן זיך צוויי קינדער,
און ס׳צאַנקט די זון — אַ לאָמפּן־קנויט.

באַלד וועט דעם קנויט די נאַכט פאַרבלאָזן,
איר מויל איז מיד און שטום און צאַרט,
איך בלעטער בלעטלעך פון אַ לעבן,
און וואַרט און וואַרט און וואַרט.

און פון דעם וואַרטן ווער איך געעלטערט,
דער אָטעם הענגט אויף מיינע שויבן,
טרוימען, וואָס ווערן ניט פאַרווירקלעכט,
פאַלן, ווי טויטע טויבן.

אזױפּיל טױבן, אזױפּיל טױבן, אזױפּיל טױבן,
אין מײַנע טעג איך מײַנע װינקלען אױף מײַנע טרעפּ,
די העלדזלעד אױסגעצױגן צו װײַטע הימלען,
און בלוט אױף װײַסע קעפּ.

דער רעגן טאַנצט אױף דינע פּיס,
און הינטער טירן האָט זיך די שטאָט פאַרשפּאַרט,
אַז טױטע טױבן זאָלן נעמען פליען,
זיץ איך און װאַרט און װאַרט און װאַרט.

## דעם הוט פאַררוקט...

וואַיע, ווינט, דעם הוט פאררוקט,
גיי איך דורך די גאַסן,
כ׳האָב מיט אַלץ זיך אַנגעקוקט,
אָפּגעקלאַפּט זיך די אָפּצאַסן.

כ׳האָב איז אַלע שויבן שוין
אַלע פרויען זיך פאַרבויגן,
ס׳איז דעם לוסטיקן פאַרשוין,
אַזאַ גרויסע פרייד פאַרפלויגן.

איז געבליבן בלויז אַ וועג,
אין דעם ווייטן, בלויען רוים,
קרייזן אום דאַרט מיינע טעג,
כ׳פייף אַרויף צו זיי אַ טרוים.

הערן מיך די פויגל אויס,
נעמען שאַרכן בלעטער,
קריכט אַרויס די שוואַרצע מויז,
זיפצן תפיסה־ברעטער.

הערן מיך די בלינדע הינט,
און די קוימענס שוואַרץ,
שליידערט אַלץ צוריק דער ווינט,
פּלאַצט אין מיר דאָס האַרץ.

גיי איך אַן אַ האַרץ אַזוי,
מאַכן די דאָקטוירים; עט,
ווער איך פון דעם אומעט גרוי,
כ'ווער אַ לירישער פּאָעט,

קומט שוין קיינער ניט צו מיר,
איז מיר גוט מיט זיך צו זיצן,
כ'נאַגל צו מיין קרומע טיר,
און דערצייל זיך וויצן.

לאַך איך פון די וויצן לאַנג,
און איך קלאַפּ זיך אין די קני,
טוט מיר אַלצדינג, אַלצדינג באַנג,
ווערט מיר שטיינער־שווער די מי.

„וואָסזשע ווילסטו ווילדער נאַר?"
כ'פאַל צו צו די שויבן
בלייבט איז מיר דער אַלטער צער,
בלייבט דער אַלטער הימל אויבן...

# וויג־ליד.

שלאף, מיין זון, די נאכט קומט אן,
אין די בוימער קלאגט דער ווינט,
ביז עס קרייט ניט אויס דער האן,
בין איך גלייך מיט דיר אַ קינד.

קינדער דריקן זיך צוזאַמען,
ווען אין שטוב איז פוסט און שטיל,
ווו געפינט מען דען אַ מאַמען?
ס׳ווײנט דאָס וואַסער אין דער מיל...

ס׳איז מיין טאַטע אומגעקומען,
ניינצן־פינעף אויפן גאַס,
אויף זיין קבר בליען בלומען,
איך, זיין זון, טרייב זיך אַ שפּאַס.

כאַטש איך וויג, מיין קינד, דיך איין,
וויל איך ליגן אין דיין וויג,
ווי קען איך דיין פאַטער זיין,
אַז פאַרשפּילט איז מיר מיין קריג?

מיטן אייזן קומט דער רויבער,
מיטן אורטייל דאָס געריכט,
מיט אַ טאַרבע שלייכט דער קלויבער,
איך קום מיט אַ בלייך געזיכט.

קענען דיר א טרייסט דען זיין,
מיינע ליפּן — ווייס און דין,
מיין געמיט — פאַרגאַסן ווייַן,
מיינע ווערטער אָן אַ זין?

כ׳האָב געזאָגט: דער מענטש איז גוט,
און אין פרייד פון דעם געוויינט,
איצט ווײנט בלויז אין מיר דאָס בלוט,
ווייל פון בוך כ׳האָב אַלץ געליינט.

און דאָס בוך איז איצט פאַרברענט,
גרויסע ריידן, גרויסע איין,
אַלטס האָב איך אויפסניי דערקענט,
ס׳איז ניט שיין קיין ליגנער זיין.

וואָס-זשע קען איך דיר דען שענקען,
אויסער ווערטער-רויש אין מיר,
ס׳איז צו שווער אַליין צו בענקען,
צווישן פענסטער-ראַם און טיר.

שלאָף, מיין קינד, כ׳בין אויך אַ קינד,
ווען די נאַכט ליגט אין די שויבן,
כ׳שליס די אויגן און ווער בלינד,
ווער קען מיר די בלינדקייט רויבן?

אין דעם בלינדן לאַנד, מיין קליינער,
אין דעם לאַנד, וואָס אַט-אַ-דאָ,
בין איך גלייך, ווי דו אַ ריינער,
פינף יאָר מיט דרייצן שעה.

כ'האָב אַ טאַטן און אַ וויגל
און אַ מאַמע, וואָס בענטשט ליכט,
כ'וועל צו צוואַנציק האָבן פליגל,
און זוי דו אַ מילד געזיכט.

וויין ניט, קינד מיינס, וויין ניט איצט,
כ'קען זיך נאָך מיט דיר צעוויינען,
לעבן טיר דער שכן זיצט,
אַז ס'שלעכט אונדז וועט ער מיינען.

# די מאַנדאָלינע.

די מאַנדאָלינע צוקט און צאַפּלט,
די זון אין שפּיגל — א זיידן קלייד,
כ'האָב ליב געהאַט אַ גאַנצע וועלט,
איצט האָב איך ליב מיין שלעכטע פרייד.

עך, מאַנדאָלינע, אלטע פריילן,
די וועלט האָט זינגער אָן אַ שיעור,
נאָר בלויז דיין הילפלאָזער געשטאַמל,
טריפט היינט אריין אזוי אין מיר.

וואָס זאָל איך טאָן מיט מיינע פינגער
וואָס בענקט עמיצן צו גלעטן?
וואָס זאָל איך טאָן מיט אַזאַ האַרץ,
וואָס קען בלויז ווייסע תפילות בעטן?

וואָס זאָל איך טאָן מיט לעבן מיינעם,
וואָס הענגט מיר נאָך, ווי אַ שטיק האַנט?
און מיט דער גרויסקייט פון אַ גראָז,
וואָס איז מיר אַלץ נאָך אומבאַקאַנט?

ביטאַ קיין ענטפער, ס'איז דאָ אַ ליד,
וואָס נעמט אַדורך, ווי טראָפּנס וואַסער,
ס'איז דאָ אַן אות — אַ שטריק פאַרדרייט,
ס'איז דאָ אַ נאַרישער פאַרפאַסער.

אָט, דעם פּארפאסער כ׳האָב גוט געקענט,
דערפאַר איז מיר די וועלט דערעסן,
ער האָט זיין הארץ צעטיילט אין גאַס,
און איז ביים לעבן געוועזן פאַרגעסן.

עד, מאנדאָלינע, אַלטע פריילן,
דריק צו די האַנט צו הוילער ברוסט,
זינג מיר אַ ליד פון וויין און זון,
וויל אַלץ אין מיר איז מאָדנע פוסט.

זינג מיר אַ ליד פון שיינע טעג,
כ׳בין מיד מיט שאָטנס זיך צו שפּילן,
צו שרייבן בריוו צו שוועסטער נאַכט,
צו שמועסן מיט קלוגע גרילן.

גיב מיר איין פאָדים פון דער זון,
אין שפּיגל פלאָטערט דאך איר קלייד,
כ׳האָב ליב געהאט אַ גאַנצע וועלט,
איצט האָב איך ליב מיין שלעכטע פרייד.

## זאָלסטו מיך מיט קיינעם ניט פאַרגלייכן

זאָלסט מיך מיט קיינעם ניט פאַרגלייכן,
ווייל עס באַקומט זיך שטענדיק שלעכט,
ס'איז יעדער אויף דער וועלט אַליין,
אין דער אַליינקייט איז ער בלויז עכט.

ביך איך דער וועכטער, וואָס פייפט ביינאַכט?
דער הויקער, וואָס טוט א פראַק זיך אָן?
אויב ווילסט מיך פארט שוין אָפּפאַרגלייכן,
באַטראַכט דעם שכנס שוואַרצן האָן.

ער האָט אַ קאָם און לאַנגע פיס,
אַ שטאָלצן האַלדז און שלאַנקע טריט,
ער קרייט טאָג־איין, טאָג־אויס ערב באַגינען,
ווייל קראַנק איז, זיין האַנען געמיט.

ווייסט ער דעם טאָג פון זיין דערשלאַכטונג?
האָסט ער דאָס פלייש, וואָס וואַקסט אויף אים?
די פליגלען שניידן די קילע לופט,
און ס'הערט מיין הויף זיין רויטע שטים.

מיין שכן האָט זעקס שווערע הינער,
דער האָן דרייט הויך זיך צווישן זיי,
די ליבע איז אַ שפיל פאַר דיכטער,
די מענטשן דאַרפן בלויז אַן איי.

אַמאָל ליגט זון איז בלויע הימלען,
דאָס געלכל רינט פון איר אַרויס,
דער וועכטער מעג דאַן לאַנג נאָך שלאָפן,
דער הויקער טוט דעם פראַק זיך אויס.

און מיר איז שווער דאָ מיט מיין שווערקייט
ווי ס׳איז דעם האָן און ווי ס׳איז דיר,
און מיט מיין טויט וועל איך נאָר שטאַרבן,
און ס׳וועט דאַן סקריפען בלויז מיין טיר.

# מיך היטן גוטע פריינט.

די רעדנער זענען גרייט.
און גרייט זענען די קרענץ,
בלויז איך בין נאך ניט גרייט,
צולייגן זיך אין ארון.

'ער איז דאך שוין געשטארבן'
מורמלט אַ ליפּן-כאָר,
'וואָס דרייט ער זיך, צום טייוול!'
'אך, גאָט, וואָס קומט דאָ פאָר?'

דער פּייקלער אויף די טרעפּ,
איז מיד די זיפצן הערן,
און דער פרוי אין שוואַרצן
פאַרדריסן די אומזיסטע טרערן.

'גענוג!' זאָגט מיר מיין פריינט,
'גענוג געררייצט זיך מיט דער וועלט'
'וואַש זיך אָרום און גיי'
'דער ארון איז פון לאַנג באַשטעלט'.

נאָר איך ענטפער מיין פריינט:
ס'איז ליב מיר שטויב פון וועגן,
און איך פארוועער דער פרוי אין שווארצן
אויף מיר זיך נאָכצופרעגן.

די קרענץ נעמען שוין וועלקן,
די רעדנער דרייען זיך, ווי קרומע רעדער,
'וואָס מיינט ער זיך דער גראַמען־פלעכטער'
'וואָס מיינט ער זיך,' פרעגט יעדער.

זיי פאַנגען מיך אין קרענצל,
און זאָגן מיר: 'ביסט מער ניטאָ',
'גיי אין דיין רו, פארשווינד'
'מיר וואַרטן שוין צען שעה' —.

נאָר ווען איך לאָז פון זייער וואַרטן,
זיי כאַפּן מיך פאַר פּיס און הענט,
און שטופּן מיך אַריין אין ארון:
'דיין טויט איז אָנערקענט!'

דאַן פירן זיי מיך דורך דער שטאָט,
דער פייקלער פויקט, קלאַרנעטן קלאָגן,
מיין פריינט גייט לעבן מיר
און היט כ'זאָל גאָרניט זאָגן.

מיין פריינט, היט אָפּ מיין גוטן נאָמען,
ער וויל ניט כ'זאָל מיין טויט פאַרשוועכן
און הינטער מיר גייען די רעדנער
און פירן זיסלעכע געשפּרעכן.

דאַן לאָזט מען מיך אַראָפּ אין קבר,
די רעדנערריידן לויט אַ ריי
און לויטן זעלבן רעדנער־סדר,
טוט יעדערן דאָרט עפּעס וויי.

דאַן גייען זיי אַוועק אַ היים
אין טהרה־שטיבל קלאַגט דער ווינט,
איך דריי זיך איבער אין מיין קאסטן
און אַלץ צערינט, צערינט, צערינט.

נאָר פּלוצלונג הער איך גראָזן שפּראָצן,
דאָס גרין פּלאַצט אויף און שיינט,
איך שליס די אויגן, כ׳בין ניט קיין גראָז,
איך בין אַ מענטש באַוואַכט פון פריינט.

## דאָס צאַרטע וואָרט.

כ׳איז אומעטיק צו לעבן אויף דער קליינער וועלט,
צי לוינט זיך וועגן דעם נאָך לידער שרייבן?
דער בייזער בעטלער שפּייט און שעלט,
און איך, איך גיי מיר צאַרטע ווערטער קלייבן.

דו פרעגסט, צו וואָס? אַט גלאַט אַזוי,
כ׳איז דאָ א לוסט דעם אומגליק פון דער וועלט פאַרשטיין,
באַגינענס זעגען הימלען ליכטיק־בלוי,
און ס׳ווילט זיך אונטער זיי ניט זיין קיין לעבעדיקער שטיין.

די לייט, וואָס ריידלען פלינק און זייער גוט,
זעגען איז לעבן גאַרניט אַזוי פיין,
דערפאַר וויל איך פאַר זיי נאָך טיפער אנרוקן דעם הוט,
און ווי דער הוט אַ שטומער ביזן טויט שוין זיין.

נאָר ווייל אַליין איז סומנע שטאַרק אויף פוסטע וועגן,
איז גוט אַ לידל אַזוי זיך צו פאַרציען,
אויף בלויע פיס צעטאַנצט זיך פלינק דער רעגן,
און ס׳גלעט דער ברודער־שלאָף די מידע וויען.

דעם פריידיקער, וואָס ליגט זיין דרשה אויס אין ווייכן בעט,
האָב איך נאָך פיינט באַקומען איידער כ׳בין געבאָרן,
כ׳האָב ליב דעם פראָסטן חי־וקים, וואָס זאָגט מיר וואָס ער זעט,
און פון א חניפה־וואָרט איז ליבער מיר דער שטאָך פון דאָרן.

זאָל זיין אַ חבר מיר דער הונט אויף וויסטע וועגן,
און אויך די קראַ, וואָס קלאָגט איר שוואַרצקייט אויס ביינאַכט
די פרייהייט איז אונזער גרויס פאַרמעגן,
און אונזער פיין איז ניט פּאַר דרשות אויסגעטראַכט.

דאָס צאַרטסטע וואָרט טייל איך איין צווישן זיי,
וואָס אַרט מיר, אַז זיי קענען גראַמאַטיק ניט קיין האָר,
ס'איז דאָ אַ שווערער אַלף-בית פון ווי,
דורך אים איז אונז פאַרשריבן די לעבנס-וואָר.

גד, ווערטל-וואָרט, פון שטילן אוונט-שיין,
און וואָרט פון מיטן נאַכט, און אויך פון מאָרגן-שטראַל,
דו שטראַמסט אויף מיר, ווי רויטער, שטאַרקער וויין,
איך בין דער שיכור, וואָס זופט אויס יעדער קוואַל.

און ווייל אַ שיכור מוז איך אויף שטענדיק בלייבן,
און ווייל דער ל ע צ ט ע ר קוואַל בין איך פּאַר זיך אַליין,
מוז איך די ציטער-צאַרטסטע ווערטער קלייבן,
און אין די ווערטער טראָט נאָך טראָט פאַרגיין.

# איך ווייס ניט.

אַ צאַנקנד לעמפּל, אַ טאַליע קאַרטן,
אַ מאַנדאַלינע און דיינע ווייסע הענט,
איך ווייס ניט, צי דאָס איז אַלץ ב׳אמת דאָ,
צי כ׳האָב עס אין אַ טרוים דערקענט.

דריי קרומע טרעפּלעך, און אַ וועג,
אַ שוואַרצע זאַק פּאַרלוירן צווישן זאַנגען,
איך זיץ ביי דיר, לבנה געלט,
מיט נאַסע פינגער האַלט מיך דאָס ליכט געפאַנגען.

די נאַכט שפּילט אויף מיין מאַנדאַלינע,
די קראַנקע אַקסלען צוקן געשווינד...
ס׳איז שווער מיין ליבע, ווי גבירישע געלט,
און ווי דער האַס פון בעטלער, בלינד.

אין מיר איז דאָ אַ פלינקער ליגנער,
ער וועט מיט ווערטער דיך פאַרוועבן,
נאָר איך וועל ביי דערביי בלויז שטומען,
און קרישלען שטיל אַ צווייג — מיין לעבן.

איך טראַג דעם צער פון וויסטע נעסטן,
קענסטו אַ פויגל־ליד פאַרציען?
אָך, פאַלש זענען די קאַרטן דיינע,
און פול מיט פאַרב — די וויען...

ווי דו אַ פויגל טראָגט אונטער־וועש,
און אין דעם שנאָבל, — אַ בייזע צונג.
פאַר קליינע ליגנס, בין איך צו אַלט,
פאַר גרויסע נאָך אַלץ צו יונג.

דערפאַר פרעג קיין זאַך ניט ביי מיר,
און פרוו מיך ניט פאַרהאַלטן,
מען קען ניט מיט קיין זיפץ פאַרקלעפּן,
אין באַרג די טיפע שפּאַלטן.

אַ צאַנקנד לעמפּל, אַ טאַליע קאַרטן,
א מאַנדאַלינע און צאַרט מיידל־הענט,
ווער ווייסט, צי כ'האָב עס אַלץ אַמאָל געזאָגט,
צי אָנגעשריבן און פאַרברענט.?

# ס ע ר ע נ אַ ד ע

דאָס האַרץ פאַרבענקט, מיט מידע פינגער,
שפּיל איך פאַר דיר אַ סערענאַדע,
דו ביסט אַראָפּ פון צווייטן שטאָק,
דו ליבסט. און איך? איך ליב אוודאי.

די נאַכט איז פול מיט זייגער־טיק,
מיט מוקן־פּלי און פויגל־פלאַטער.
מיר וועלן ליבע וונדער־שיין,
מיר וועלן ליבן ווי אין טעאַטער.

דאָס לעבן איז באַנאַל ווי גרעט
און פאַלש, ווי פרומע תפילות.
מיר זענען זייטלעך פון אַ בוך,
דער אומעט צירט די שווערע הילעס.

דערעסן איז מיר אַט די צירונג,
זאל ווינט אונז אויסרייסן פון געלך בוך,
איך זינג צו דיר אַ סערענאַדע
די נאַכט גלעט אונז — אַ בלומען־טוך.

די פינגער דיינע מיד פון שרייבן
פיל קלוגע בריוו אויף דער מאַשין,
קוש איך, און זאָג: כ'בין האמלעט,
וואָס אַרט דיך, אַז איך בין?

איך האָב דאָך מער, ווי ער געצווייפלט,
בלויז ווייניקער זיך ליב געהאַט,
נאָר זאל זיין, זאל זיין ער איז גרעסער,
קען מען ניט ליבן קיין פלאַגיאַט?

און דו, און דו ביסט סאַניטשקאַ,
גאָר פון א צווייטער שפּראַך,
די פעלקער שטעלן גרעניץ־וואַכן,
דאָך טרוימען האַלטן אויס אײן דאַך.

צוויי טרוימען בלויע קומען אָן,
פון ענגליש־לאַנד און פון סיביר,
זיי שטרעקן אויס צו זיך די הענט,
און גאָט איז אין אָט דעם באַריר.

אויך גאָט איז ניט קיין לעבנס־העלד
אַ בוך־געשטאַלט, ווי דו און איך,
אַזויפיל וואָר ווי דודס ליד,
וואָס כ׳טראָג פיל יאָר אין זיך.

איז גוט, אַזוי צו צערטלען,
דײן סאָניע־מידע האַנט,
און וויסן, אַז איך קען דײן שרייבער,
און אַז מײן שעפער ז׳מיר באַקאַנט.

האָסט מורא זיך, מײן קינד, פאַרלירן
אין לאַנד פון די געשפּענסטער?
פאַרוואָס? דאָרט לאַכט צו אונז דער טאָג,
דער ניט געבוירענער, דער שענסטער.

נעם אָן מיך מיט דײן צאַרטער האַנט,
לאָמיר אַ וואונדער־וועלט געווינען,
איך קוש דײן קאָפּ, און אינם וואַלד
נעמט שטיל אַ נאַכטיגאַל אונז דינען.

## קאַטערינקע־ליד

קאַטערינקע, שפּיל מיר, שפּיל,
קינדער דרייען זיך אין ראָד,
וואָס איז פון אַ קרייז דער ציל?
וואָס איז פון דעם האַרבסט דער סוד?

שפּיל, אָ, שפּיל, ווי ווייסע שטריק,
בינדן מיך די קלאַנגען,
איז דאָס אומגליק אָדער גליק,
וואָס דאָס ליד האָט מיך געפאַנגען?

איז דאָס אומגליק אָדער גליק,
וואָס מיין טרוים איז אויסגערונען,
וואָס איך האָב געזוכט די פרייד,
און האָב ווערטער בלויז געפונען?

שפּיל דעם אַלטן ניגון שנעלער,
אַלטע בלומען נעמען בליען,
שפּיגלען גרויע ווערן העלער,
פויגל בלויע נעמען פליען.

ס׳ציבער לאַנד איז אויפגעבויט,
קיין זאַך קען ניט זיין צעשטערט,
לידער זענען קלוג, ווי טויט,
לידער זענען ברייט, ווי ערד.

כ׳זאַפּ דעם טויט אין זיך אַריין,
כ׳נעם די ערד ארום.
נעמט, ווי גראָז גרינען דער זיין,
כ׳קום אין גראָזן אום.

שפּיל זשע שטאַרקער, בייזע פּראַכט,
שפּיל, וואָס כ'האָב פאַרשוויגן,
כ'האָב זיך פאַר אַ העלד געמאַכט,
העלדן גרויסע זיגן.

כ'האָב מיין וועג איז בלוט געטראָטן,
זיגן האָב איך ניט געקענט,
כ'האָב בלויז קברים־ערד געשאָטן,
ווי אַ יאָרצייט־ליכט געברענט.

שפּיל־זשע לוסטיק, שפּיל־זשע פריילעך,
ווייִ, ווי ווינט און רויש, ווי ים,
כ'בין דער ניט געקרוינטער מלך,
גאָטס באַליבטער לץ און תם.

ס'ליגט זיין צייכן אויף מיין שטערן,
און זיי טרער איז מידך בלוט,
ברום־זשע הויך, ווי זיבן בערן,
כ'האָב פאַר אַלע שרעקן מוט.

כ'וועל דעם פלאָנטער ניט צעבינדן,
קנופּן זענען מיינע טעג,
שפּיל אַ מאַרש מיר אַ געשווינדן,
זאָל דער טייך אַרויס פון ברעג,

און מיט אים ווילד אויפגעריסן
זאָל מיין לעבן טאָן אַ פליייץ,
קאַטערינקע, שפּיל פאַרביסן,
זאָל דער פּיין כאַטש זיין פול רייץ.

# טוט אויס די קלעפיקע מונדירן...

זינג, זינג, ווינטל-ווינט, איז בוידעם טיר,
כ׳בין מיד פון וועגן-פלאָנטער און אַלטע רייד;
מיין שווערן לייב כ׳גיב איבער היינט צו דיר,
שענק מיר פון בלעטער-קאַראַהאַד די הפקר-פרייד.

אַ העמד פאַרבלוטיקט — איז מיין געמיט,
אַ שוואַרצער צלם אויפן וועג — מיין וואָרט;
איך האָב אַ גרויסן שטאָלץ איז זיך געהיט,
נאָר היינט וואַרף איך אַלץ אויף איין קאָרט.

זינג, ווינטל-ווינט, מיין רעקל האָט צען לעכער,
דאָס וויסטע לייב גלאָצט אויף דער וועלט דורך זיי;
די מענטשן בויען פאַר קעפּלעך דעכער,
נאָר הפקר פאַרן רעגן בלייבט פאַרט דער וויי.

איז ליב מיר היינט דער הפקר, כ׳וויל קיין זאַך ניט באַהאַלטן,
היי, גאַסן-קערער, דעם הוט צי היינט פאַר מיר אַראָפּ;
דאָ שטייט דער ליידנס-פּרינץ איז ווינט, אין קאַלטן,
די קרוין פון עלטער זיידן וועט צירן באַלד זיין קאָפּ.

דעם בעזים וואַרף אַוועק, די וועלט קען קיינער ריין ניט מאַכן,
מיר קערן אַזוי לאַנג ביז עמיץ קערט אונז אויס.
גיי, הייס די שכנים די טירן ברייט צעמאַכן,
דעם מאַניפעסט פון קראַנקן האַרץ, כ׳לייז היינט אַרויס:

בירגער, פאַד-לייט, גאַסן-פּרויען, פּראָפעסאָרן, זשורנאַליסטן,
קאַסע-ברעכער גייסטלעכע און סתם שנאָראַנטן,
מיניסטאָרן, נביאים, אַלערליי סטאַטיסטן,
מיט איין וואָרט, מענטשן אין אַלע מענטשלעכע וואַריאַנטן.

טוט אויס, טוט אויס די קלעפּיקע מונדירן,
דער אַלטוואַרג-הענדלער וואָרט שוין אויף זיי פון לאַנג,
זאָל יעדער פון דעם קוואַל פון לויטערקייט פּרובירן,
ווייל פון די ראָגן קומט שוין אַן דער חבר אונטערגאַנג.

ער קומט מיט גלייכע טריט און מיט אַ גרינעם שמייכל,
ציט אויס די געלע רוקנס און רוקט צונויף די שווערע פיס,
זאָל אונטער פליכן און פאַרוקן אויפפּישטשען דער שכל,
באַלד וועט דער ווינט אייך אַלע צום אומקום טאָן אַ ריס.

דאָס לעבן הינטער אייך איז דאָך געווען אַ שלעכטער שפּאַס,
אַביסל טיכעלעך פאַרשנייצט, אַביסל בולקעלעך פאַרביסן,
אַביסל ניט געגלויבט אין גאָט, אַביסל אַלעמען געהאַסט,
און אַביסל צוגערעט פון עפּעס, וואָס איז גאָרניט און הייסט געוויסן.

דאָס לעבן הינטער אייך ליגט אין דעם טאָל, ווו ס׳וואַיען הינט
דער פאַסטוך מיידט דאָס אָרט, ווייל גראָזן קענען דאָרט ניט גרינען,
דאָרט יאָגן זיך די קעץ, און מייזלעך שוואַרצן דורך געשווינט,
און פראַסטיטוטקעס מיט דעזערטירן טוען דער ליבע דאָרטן דינען...

רייסט אויף, רייסט אויף די אַלטע, פאַלשע מיילער,
זאָלן די צינגער, ווי רויטע פינגער פאַרבייגן זיך פאַרשפּיצט,
דער גורל איז אַ קצב-יונג, אַ ווילדער קיילער,
אויף אייער שטאַרבן איז דער אורטייל לאַנג שוין אויסגעקריצט.

איז פאַרן טויט טוט פון דער נאַקעטקייט אַ זופּ,
טוּכט אַפּ זיך אין די וואַסערן און כאַפּט אַ טאַנץ,
מיין ברוסט איז פול מיט פידל קלאַנגען, טוט זיך אַ שטופּ,
זאָל אין די אויגן פון האַלב טויטע אויפרייסן אַ גלאַנץ.

איז פריילעך, פרייער, פלעמלט, פלאַטערט,
בייגט זיך, דרייט זיך לייב צו לייב
לבנה-נאָנע זיפּצט פאַרמאַטערט,
און יעדער פרוי איז היינט אַ ווייב.

די שוואַרצע שויבן, — בעכערס ווייַן,
טרעפ און גאַנקעס, קני און פינגער,
בלינדע פויגל, קרומע צווייגן, גלוסט און פּייַן,
און איך אין מיטן דער אומקום-זינגער.

אַ פלי מייַן פּייַנטשאַפט אויף אַלע דעכער,
זאָל זיך מייַן ווי פאַרלירן אין זייער טויטן-צוג,
ווייל כ׳האָב פיל יאָרן געצויגן זיך הויך און העכער,
וויל איך זיך היינט פאַרשכורן פון הפקר קרוג.

היי, מענטשן, צילינדער-טרעגער, שטעקל-דרייער, מאַסן-רעדנער,
און איר, וואס טראָגט מעדאַלן, ווי לאַסט-פערד פרעמדע גוטס,
איך האָב פאַר אייך געהיט אַ ריינע טרער,
נאָר זי איז אויסגערונען, און כ׳האָב זיך, ווי אַ נאַר פאַרפּוצט.

איז גוט מייַן פוץ פאַר אייער ארויסגעצופּט געוויסן,
איז גוט מייַן קול פאַר אייער שטום געוואָרן האַרץ,
עד, ברודער אומקום, מייַן פידל-סטרונע ליגט צעריסן,
און די האַנט — דער קרומער סמיטשיק איז פון דעם עקל שוואַרץ.

ברודער אומקום, דעם לעצטן טראָט גיב איצט אַ שטעל,
דער הויז-וועכטער וועט פירן דיך לויט די אַדרעסן,
דער הפקר-ווינט האָט אויסגעגליווערט מייַן פעל,
נאָר דעם זיידנס-דאַרן קראַנץ פאַרטראָגן האָט ער פאַרגעסן.

# זיי געזונט.

זיי געזונט, איך גיי שוין איצט דעם לעצטן וועג,
עס שטאַרבט ניט קיין גבור און ניט קיין נביא ביים פּלויט,
עס שטאַרבט אַ קנעכט מיט שווערע הענט,
אויף אַ בערגל קויט.

זיי געזונט, דאָס לעצטע וואָרט דאַרט, ווי אַ שוואַרצע צווייג,
דער לעצטער אומעט ליגט — אַ צוואַנג צעבראָכן,
כ׳בין פרעמד צו אַלץ, איך בין פאַר זיך,
אַ ווייטער שכן.

אפט קלאַפּט דער שכן מיר אָן אין וואַנט,
אפט וויינט ער שטיל אַריין אין פענסטער־שפּאַלטן,
אַ, זיי געזונט, צי קען דער יאָמער פון אַ שאָטן,
מיך פאַרהאַלטן?

ס׳קען זיין אַז נאָך מיין טויט וועט ווייטער,
דער אַרבל פון מיין רעקל מענטשן גריסן,
און ס׳וועט זיי האַלדזן ווייטער יענע ליבע,
וואָס כ׳האָב שוין אויסגעריסן.

זאָל זיין אַזוי, איך וועל פון דעם ניט ווערן רויט,
די ערד אויף מיינע ליפּן וועט זיין דער לעצטער זיגל,
אַ סאָווע מיט גרינע אויגן וועט קלאָגן צו מיין שטיין
פון שאַרפן היגל.

אַ, זיי געזונט, אַ, זיי געזונט, ס׳איז איצט שוין בעסער,
ווי דעמלט, ווען כ׳בין געווען אַ גרינינקער פאַרשוין,
מיין האַרץ איז דאָן געוועזן פול מיט טרוים פון לעבן,
איצט, — מיט טרוים, דאָך אָן דעם לעבן שוין...

# אָוונט אויף דער וועלט.

1

דער טאָג פאַרגייט,
דער טאָג פאַרגייט,
די מויז גלאָצט פונם בערגל מיסט,
צום הימל שטרעקן זיך צוויי הענט;
אַ, מאָך אונז ס׳לעבן גרינגער.
די כמאַרעס רויטע שטיקער וואַטע,
פאַרבלוטיקן די פינגער.
די מויז וויינט פונם בערגל מיסט,
די זייגערס קלאַפּן,
און ס׳שטרעקן זיך צוויי הענט,
אומזיסט, אומזיסט, אומזיסט.

2

אַ מאַן גייט פון אַ שטוב ארויס,
דער אָוונט גייט אין זיינע טריט,
אַ בלום וואַקסט פון זיין שאַרפן הויקער,
די בלום איז וואַקסנדיק פאַרבליט.

אַ מאַן גייט פון אַ שטוב ארויס
און ווייסט אַליין ניט וווּ צו גיין,
די וועלט איז ווי אַ בערגל מיסט,
שלעפעריק און קליין.

דער מאַן נעמט קרייזן רונד-ארום
דער פינטל-פוסטקייט, וואָס אין אים,
די פוסטקייט איז אַ בלינדער אויג,
אַ טיפער גאַרגל אָן אַ שטים.

נאָך וואָס דאָס גייז. נאָך וואָס, ווהיז?
דער מאַן טוט אויס שיך און זאָקן,
און ס׳ליגן אויפֿן ברוק די פֿיס,
ווי טויטע, שטומע גלאָקן.

לבנה רוישט — אַ בלאַט פּאַפּיר,
פֿאַרבויגן אין די עקן,
ווער ס׳האָט נאָך גאָרניט ניט געשריבן,
האָט גאָרניט וואָס צו מעקן.

אַ צייטונגס-ייִנגל שרייט פֿאַרביי:
פֿאַר פֿינף גראָשן, — אַ וועלט אין פֿלאַמען!
דער מענטש ליגט אויפֿן ברוק און שעלט,
גאָט אין דער מאַמעס מאַמען.

3

צוויי שאָטנס קושן זיך
מיט צוואַנציק פֿינגער געל און קרום,
אין תּפֿיסה ווערט געשטעלט אַ תּליה,
דער טאָג קומט אום.

אַ ווייסע העמד מיט שוואַרצע פּאַסן,
אַ העלער הימל מיט רייעס ראָבן,
צום תּליה ווערט אַ שטריק פֿאַרפֿעסטיקט,
די רידלען גראָבן, גראָבן.

אַ ווייסע העמד מיט שוואַרצע פּאַסן,
אונטערן העמד אַ לעבן, — רויט,
די זון פֿאַרגייט און ווי אַ פֿליג
קריכט דער טויט.

דער גלח קומט און די קאַלאַשן
טוט ער אויס פאַר דער טיר,
דער צלם בלייבט זיך אויף זיין ברוסט, —
אַן אייטערדיק געשוויר.

— ׳האָב, זון חרטה פאַרן טויט!׳ —
— ׳כ׳בין ניט קיין זון, כ׳בין פון אַ שטיין!׳ —
— ׳גאָט וועט דיין לייד, מיין זון, באַלוינען׳ —
— ׳נאַר, כ׳בין גאָט אַליין!׳ —

דער גלח מאַכט אַ שפּרייז צוריק,
און לויפט גיך פון די טרעפּ,
און ס׳ליגן די קאַלאַשן,
ווי קעץ מיט אָפּגעדרייטע קעפּ.

בלייבט דער פאַרמשפּטער אַליין,
אויף ווייסן העמד — שוואַרצע שטרייפן,
ער טראַכט פון פּרויען, נאָר ס׳טראַכט דער האַלדז
פון אַ שטריק אַ שטייפן.

נעמט ער איצט האַסן ווילד זיין האַלדז
און דריקט אים בלינד און שטום,
וואַרפט זיך דער האַלדז אין ווייסע פינגער,
דער טאָג קומט אום.

דער זייגער ציילט די אַכטע שעה,
די שטערן ליגן — קערנער אויסגעדראָשן,
אַרום דעם טויטן שפּאַנען, שפּאַנען,
גלחישע קאַלאַשן.

4

ערגעץ שפּילט מען איצט שאַפּענע,
דער שטאַט־נאַר שפּילט זיך מיט זיין שאָטן;
די כמאַרעס וואַרפן זיך, ווי דאַרע שעפּסן,
דער ווינט רוישט לויט די נאָטן.

אַ מענטש שפּרינגט פון דעם צענטן שטאָק,
די טיף איז קליגער פונם הימל,
אין שפּינוועבס הענגט דער טויטער טאָג,
אויף דעכער וואַקסט דער אָוונט־שימל.

אַ פרוי שטייט נאַקעט פאַרן שפּיגל,
איר לייב — אַ שטומער פראַגע צייכן,
וואָס קען אַ רונדע קני פאַרשטיין?
וואָס קען אַ קנייטש אין האַלדז דערגרייכן?

פון הינטן בלייכט זיך אַ פאָרטרעט,
דער שטויב פאַרדעקט דעם מענטשנס וועגן,
שאָפּענען שפּילט אַ בלייכער מאַן,
די קלאַנגען פאַלן, ווי טראָפּנס רעגן.

אַ בוים אין צווייגן שטעכט דעם הימל,
אַ פויגל מיט איין פליגל היפּט ארום,
אַ דענקער שרייבט דאָס צענטע ביכל,
און פליגן זומען דעם זינפולסטן זום־זום.

דער שפּילער שפּילט ניט מער,
דער בלויער רעגן האָט אויפגעהערט צו פאַלן,
ווי אייסגעברענטע שוועבעלעך
ליגן אָוונט־שטראַלן...

# צעשאָטענע וועגן

# דורך דער טויטער שטאָט

אַלע טירן צוגעריגלט,
אַלע פענסטער צוגעקלאַפּט,
כ'האָב זיך פון אַ לאַנגן חלום,
ווידער אויפגעכאַפּט.

כ'גיי און גיי דורך טויטער שטאָט,
קיינער גייט ניט הינטער מיר,
בלויז דער ווינט מיט קרומע פינגער,
שפּילט זיך מיט אַ שלאָס פון טיר.

טונקל, טונקל, אַלע שטיינער,
שלאָפן מיט אַן האַרטן שלאָף,
בלויז דער לץ אין מיר וואַכט אויף:
'מייזל-מענטשל, האָף!'

וויל איך זאָגן אים אַ וואָרט,
און איך בלייב פאַרלוירן שטיין,
כ'האָב פאַרגעסן אַזאַ וואָרט,
נענטער פון זיך אַליין...

דוכט זיך מיר, אַז אַן דעם וואָרט,
בין איך מער ניט איך,
ווערט מיר אַזוי שווידער-שרעקלעך,
וואָס איך לעב אַן זיך.

לאַכט פון מיר דער קליינער לץ:
'קיינער, קיינער איז ניטאָ,
איך און דו אַ קורצער טרוים,
אין אַ שפּעטער ווינטער-שעה'.

ווײל איך פרעגן אים: ווער טרוימט אונז? —
שפּרינגט ער אויף און היפּט אַוועק,
ווײס איך ניט, ווער האָט פאַרטראַכט,
מיך און נאַכט און שרעק.

גײ איך, גײ איך דורך דער שטאָט,
ווער דערוואַרט מײן קומען?
נאַכט און ווינט צעטאַנצן זיך
ווילד אַרומגענומען.

## איך האָב זיך פאַרזאַמט

ביינאַכט, אין וועג, די אייביקייט קריכט,
אַ קודלאַטער הונט לעקט די שטערן,
עס ציען זיך יאַדלעס — שוואַרצע ליכט,
די ווייטקייטן ליגן פאַרגאַפטע און הערן,

עד, ברודערל מיינער, פון אַ ליד אויסגעטרוימט,
מיט גאָלדיקע הערלעך און אייגלעך פאַרשלאָפן,
כ׳האָב זיך ערגעץ אין וועג צופיל געזוימט,
און דערפאַר אויף דער וועלט קיין מענטש ניט געטראָפן.

ווו ביז איך געווען אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג,?
וואָס האָב איך געטאָן? מיט וועמען פאַרבראַכט?
ווער ווייסט, נו, ווער ווייסט? ס׳טוט עפּעס באַנג,
אַן איינזאַמער הונט בילט צו דער נאַכט.

דורך שטעט און דורך יאָרן גיי איך רונד אַרום,
די שיך אויסגעקרימט, דאָס שניפּסל פאַרצויגן,
די לבנה אין הימל — אַ וועלקנדע בלום,
דאָס ליד אין האַרצן אַ קראַנקער פויגל.

עד, ברודערל מיינער, אין ווייסינקן העמד,
די וויג וויגט זיך לינקס, די וויג וויגט זיך רעכטס,
די וועלט איז פאַר מיר אַן אומהיימלעכע פרעמד,
ווו דאָס גוטע איז נאַר און אַנשפּאַר פאַר שלעכטס.

כ׳האָב מיט ליפּן אין וועג יעדער בלוט-פלעק באַרירט,
איצט הענגען די ליפּן, ווי קאָרע פאַרדאַרט,
ס׳האָט אַ ווילדער לץ מיך דורך געסלעך געפירט,
און מיין ליבשאַפט צום סוף, ווי געלט אויסגענאַרט...

בין איך שוואַרץ, ווי די נאַכט, בין איך שוואַרץ, ווי דער וועג,
אַ קודלאַטער הונט לעקט די זיסלעכע שטערן,
דער צער פון מענטשן איז אַ ים אָן אַ ברעג,
זינקנדע שיפלעך — זענען מענטשלעכע טרערן...

# פֿאַרטריקנטע טייכן.

ווי פֿאַרטריקנטע טייכן ליגן העט הינטער מיר,
פֿון אַן האַלבער וועלטל די וועגן,
כ׳האָב ליב צופֿאַרהאַקן צום נעכטן די טיר,
און צעפּייפּט זיך שפּאַנען אין רעגן.

איך ווייס ניט: ס׳איז מיינער, צי גאָטס אַ פּאַרזען,
וואָס מיין הארץ רעדט ביינאַכט מיט גראַמען,
כ׳האָב פּיינט, ווען עס שוואַנגערט מיט ווערטער אַ פּען,
און איך זאָג יעדער רויז אריין אין דער מאַמען.

כ׳האָב פֿאַרשריבן מיט אותיות פֿיל זייטלעך פּאַפּיר,
מיט לירישע טריט — פֿיל גראַזיקע וועגן,
נאָר שטום איז געבליבן עפּעס אין מיר,
און די שטומקייט איז שווער, ווי אַ האַרבסטיקער רעגן.

וועל איך קומען אַ מאָל צו אַ גרינלעכן פּלויט,
צו אַ ברייטלעכער קרעטשמע, סתם אויף אַ ראָג,
וועט די שטילקייט אין מיר, ווי בלוט ווערן רויט,
וועל איך געבן צום פֿינסטערן קרעטשמער אַ זאָג:

העי, גיב מיר דיין גאָלד, דיין וויין און דיין רו,
אַט איז מיין מעסער, גלאָץ אויף מיין האַנט,
כ׳בין אַ האריקער מענטש, אַזאַ פּונקט ווי דו,
און איך האָב ניט קיין ברעקל טאַלאַנט.

כ׳האָב אַ האַלבן לעבן אויף מענטשן געווײנט,
דאָס געוויין האָט גערירט מיך פֿון זינען,
איין קריטיקער האָט מיין ליד דורכגעליינט,
מער קען איך קיין נאַר, ניט געפֿינען.

איז גיב מיר די זעט פון פיר זיכערע ווענט,
זוי אַ שיכורע קאַץ זאָל זיך דרייען דיין שרעק,
קוק, אַז אויגן זענען מענטשלעכע הענט,
באַהאַלט די צונג, דעם העסלעכן העק...

אַזוי וועל איך זאָגן, זאָל דער קריטיקער פּלאַצן,
און פון קנאה ווערן אַזש גרין,
כ׳וועל מיט שטומפּע פינגער די פּאַטלעס צעקראַצן,
און דאָס לעבן וועט קריגן אַ וועלפּישן זין.

וועלן ווערן פאַרדאַרט אַלע לירישע לידער,
די עטיק פון טויבן איז צו ווייס פאַר דער וועלט,
זאָל דער שענקער וויינען צו די מענטשן־ברידער,
און איך וועל ציילן דאָס שמוציקע געלט...

# שאַנכייער הויף.

1

גאַנץ פרי האָבן די טירן זיך מיט האַסט צעמאַכט,
מען האָט געשריען, געגענעצט און אויף די טרעפּ געלאָפן,
ווי טונקל וואַסער איז אַפגעריסענע שנעל די נאַכט,
ס'איז זיך מיין הויף מיט אַלע זיינע דירות אויסגעשלאָפן.

באַגינען האָט זיך געצויגן, ווי אַ ווייסע, פוילע קאַץ,
און פון די קרומע דעכער איז הויף אַראָפּגעשפּרונגען,
אַ ווינטל האָט געטאַנצט, ווי ס'טאַנצט אַ זאַרגלאָזער פּאַיאַץ,
און ס'האָט אַ פרוי פון מאַי און ליבע אויפגעזונגען.

דער מאַי איז שוין געווען פאַרבליט פון זייער לאַנג,
און ס'האָט די ליבע אויף אונזער הויף געקאָסט ניט זייער פיל,
דאָך האָט, ווי הייסע טרערן געבריט ס'געזאַנג,
דאָס לעבן איז דאָך נאָר אַ ווערטער און אַ טרערן שפּיל.

אין פערטן שטאָק האָט עמיצער געשריען: שטילער!
פון צוואַנציק פענסטער האָבן זיך קעפּ אַרויסגערוקט,
כ'האָט יעדער קאָפּ געפרעגט: וואָס וויל ער?
דער פאָרהאַנג אויפן פערטן שטאָק האָט זיך פאַררוקט.

גאָר ס'האָט די פרוי שוין מער איצט ניט געזונגען,
פון שפּיגל האָט אַ שוואַרצער פינגער זי געלאָקט,
אַ גלאָק האָט זיך טריב און נאַגנדיק צעקלונגען:
דער מענטש ווערט, ווי אַ בלאַט פאַרריסן און פאַריאָגט.

— אַ, גאָט, שענק מיר אַ ליד, וואָס זאָל אויף אייביק מיך פאַרוויגן —
האָט אַ פּיאַניסט מיט מידע פינגער קוים געבעטן,
אין טעלער זופּ האָבן געיאָמערט צוויי שטאַרבנדיקע פליגן,
און ס'האָט געשפּאַנט דער לאַנגווייל אין ברודיקע שקאַרפּעטן.

2

די זון איז היינט אין הימל געשטאַנען קורץ און קאַלט,
ווי גרויער, נאָסער שניי האָט זיך געזיפּט דאָס ליכט.
אין צימערל ביי מיר האָב איך געטראַכט פון אַ געשטאַלט,
מיט גלאַנציק, ווייסע אויגן און מיט אַ בלוי געזיכט.
ס׳איז ער געווען, דער טויט. זיין שאָטן איז אויף מיר געפאַלן,
ביינאַכט, פאַרביי מיין שוועל איז ער צום שכן שטיל אַריין,
ס׳האָט עמיץ אויסגערעדט מיט ווייסע ליפּן: פאַרפאַלן,
און ווי אַ נאָגל האָט זיך דאָס וואָרט פאַרשטאָכן פול פּיין,
און דאַן האָט מען ביי טאָג דעם שכנס טאָכטער צוגענומען,
זי איז געשטאָרבן. מיר האָבן אומעטיק געבויגן קעפּ,
אינגאַנצן מיט צוויי יאָר צוריק איז זי צו אונז געקומען,
און איצט איז אויף אייביק פאַרשוואונדן דורך די טרעפּ.

איר פאָטער איז בלויז געווען אַ וואַגלענדער אַקטיאָר,
מיט שטאָלצע קנייטשן אויפן פאַרמאַטערטן געזיכט,
אין גאַס פלעגט ער זיך ווייזן מיט דער טאָכטער נאָר,
ער איז געווען די גרויע פּראָזע, און זי דאָס לירישע געדיכט.

אָך, די פאַרגלייכן. זי איז געווען דער גאָלדיק קאָרן־שימער,
און ער? דער געלער מאָד פון אָפּגעלעבטע שטאַמען,
זי האָט געשמייכלט קינדיש, ער ווי אַ קינדישער באַרימער,
נאָר ביידע האָבן זיי געקאָנט אַלע גרויסע דראַמען.
— דו ביסט היינט, ווי אָפעליאַ, דו הערסט מיין קינד? —
— און דו ביסט, פאָטער, היינט צוריק, ווי האַמלעט שיין —
נו, וואָס, די פרייַנטשאַפט מאַכט דעם מענטשן בלינד,
הינקענדיק, מיט קיי־גומע פלעגט אָט דער האַמלעט גיין.

אין גרויסן הויף, האָבן זיי קיינעם ניט געגריסט,
ס׳האָט ניט געפּאַסט? קען זיין. קיינער האָט דאָס ניט פאַרגעסן,
איך בין געווען דער לעצטער, וואָס האָט צו זיי געשמייכלט. אומזיסט.
צום סוף איז מיר צושמייכלען אויך דערעסן.

דער אַלטער? מילא, כ׳האָב אים אַפּילו גוט באַרעדט
און שפּעטער ערשט אַוועק אין טעאַטער זען צי כ׳בין גערעכט.
ער האָט געהאַט חוצפּהדיקע באַקן, אַ שטעכיקן פּאַלצעט
און האָט געשפּילט פאַרצערטלט, צעוועדטלט און שלעכט.
דאַד זי, זיין טאָכטער, האָט מיך פון אָנהויב גלייך געפאַנגען,
ס׳איז עפּעס קינדיש-ווילדעס געווען אין אירע גיכע טריט.
איך האָב אין טויער אויף איר געלויערט, איר נאָכגעגאַנגען:
איך שלאַנקן האַלדז, די שמאָלע פּלייצע האָב איך ווי מיינס געהיט.

זי האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע, כ׳האָב גיך פאַרשטאַנען,
אַז זי איז ניט פאַרליבט, די ליבע גייט ניט לויט אַדרעסן,
און כ׳האָב צו זיך געזאָגט: קיין האָפענונג איז ניט פאַראַנען,
אין הייף פון מענטשן אַרימע בין איך געזעסן.
איך האָב געשריבן לידער. און זי איז קראַנק געוואָרן.
איך האָב געפילט: פון בעט וועט זי שוין ניט אַרויס.
די לאַנגע האָר האָט מען אויף קורץ איר אָפּגעשאָרן,
אין בלייכן פּנים האָבן די אויגן געגליווערט בלוי און גרויס.
זי האָט געהוסט, געהוסט, ס׳איז האַרבסט געקומען,
די ווינטן אויף די טרעפּ האָבן געיאָמערט, ווי ווילדע קעץ.
דער טאַטע האָט איר בעט אַרומגעשטעלט מיט רויטע בלומען,
שאַטנס, ווי דיקע ווערים האָבן באַדעקט זיין קנייטשן-נעץ.
כ׳האָב מאָדנע קלאָר געוווסט די שעה פון איר פאַרגיין,
און אַז אַ זין איך שפּיגל זיך אַליין באַטראַכט,
איך האָב געפילט איר ליפּ פאַרברענט אויף מיינע ציין,
און כ׳האָב אין שרעק און ליבשאַפט צו איר געלאַכט.
מיר האָט געדאַכט, איך קוק אויף זיך מיט אירע אויגן
און כ׳שמייכל אויס איר שמייכל, קינדעריש און שיין,
כ׳האָב זיך אַמאָל צום קאַלטן שפּיגל-פּלאַך פאַרבויגן,
און מיט איר קול געזאָגט: קום אויף מיין קבר ווען צוגיין.
און דאַן האָב איך דערהערט ווי ס׳שרייט איר פאָטער: קינד,
און כ׳האָב געוווסט, איצט איז ד אַ ס געשען.

איך בין אַרויס און אַנגעקלאַפּט אין טיר געשווינד.
ער האָט געעפנט, ס'איז שוין נאָך אַלעמען געווען.

דער אַלטער שפּילער האָט זיך פאַר מיר פאַרבראָכן,
איך האָב געטראַכט: צי שפּילט ער איצטער ווידער?
אָ, אָ, דער גרויסער קינסטלער איז ענדלעך דורכגעקראָכן,
אין גרויסער שפּיל ווי אין אַ קאַמף זענען די מענטשן ברידער...
אָט, בויגט ער, ווי ס'בויגן זיך די גרעסטע מייסטער,
אין האַנט דאָס טיכל ווערט וואונדערלעך געהאַלטן.
ער זיפצט, ער לויפט, די שפּיל ווערט פּשוטער און דרייסטער,
אין זיינע הענט איז דאָ דער ציטער פון אַלע טראַגישע געשטאַלטן.

נאָר מיטאַמאָל איז ער פאַרזעגט געפאַלן לעבן איר,
— טאַטער, זאָג, פאַרוואָס האָסטו געלאָזן מיך אַליין? —
זיין יאָמער האָט זיך אַריינגעריסן אויך אין מיר.
אומגליק קען מען פילן, נאָר ניט פאַרשטיין.

און פּלוצלונג האָב איך צו אים זיך אויסגעשטרעקט
ער שפּילט ניט, שפּילן אַזוי גוט וואָלט ער דאָך ניט געקענט.
איך האָב אים טיי געגעבן, פון שווערן אומעט אויפגעוועקט,
און אָפּגעריסן זיינע פינגער פון אירע ווייסע שמאָלע הענט.

צו מיטאָג-צייט האָט מען זי צוגענומען שוין,
די פריילן פון אַנטקעגן האָט זי באַרעט געמיין,
— אָ, אָ, זי האָט געלעבט מיט יעדער געלט-פאַרשוין, —
איך האָב געענטפערט: און דאָך איז זי געווען שיין.
די אַלטע פריילן האָט בייז פאַרקלאַפּט די טיר.
און דאַן איז פּונקט דער שפּילער אַראָפּ אין גאַס,
אויף דינע פיס איז ער פאַרבייגעגאַנגען לעבן מיר,
די אויגן און די נאָז, בלוילעך — רויט און נאַס.

אַ שלעכטער שפּילער, דאָך אומגליק פּילט מען אַן טאַלאַנט,
איך האָב אים נאָכגעקוקט, מיט מיר די פּרויען פון די שוועלן;
פּיין איז יעדן דאָ פון אונז געווען באַקאַנט,
דאָך פרעמדער פּיין איז ווי אַ טרויער־שפּיל געפעלן.
דער אַלטער מאַן איז הינקענדיק פאַרשוואונדן,
און מיט אַ קלאַפּ האָבן די טירן זיך פאַרמאַכט.
איך האָב אין צימער אַ לעמפּל אָנגעצונדן,
די טויטע האָט ערגעץ ווייט געלאַכט.

3

כ׳האָב אויסגעפּרעסט די אַלטע הויזן,
דעם שניפּס איבערגעדרייט,
און האָב זיך מיט מיין נייעם אויסזען
וואונדערלעך דערפרייט.

איך בין אַראָפּ אין הויף שפּאַצירן,
די קעץ זענען אַנטלאָפן,
מיין שכנטע, די אַלטע פריילן,
האָט ס׳פענסטער ברייט געלאָזן אָפן.

אַ פּיאַנאָ האָט זיך ווו צעשפּילט,
די היים האָט זיך אין מיר צעוויינט,
און פּלוצלונג כ׳האָב פון פוסטן האַרץ,
אַ ליד מיט גראַמען אויסגעליינט:

— אַ היימלאַנד, מיינע, שטילע גאַס,
וואונט־שיין אויף גרינע טאָלן,
כ׳בין מיד פון בענקשאַפט און אויך מיד,
אויף זאַמדן דיך צומאָלן.

— איך בענק נאַך דיינע בלויע טייכן,
נאַך דיינע אויסגעוויסטע ביימער,
נאַכן געוויין פון קלויסטער-גלאַקן,
און נאַכן שליאַך, דעם בלאַנדן טרוימער.

— ניט גוט איז מיר דאַ אין דער פרעמד,
אַ ליד, מיין ליד, גרייך צו מיין הויז,
זאָג אַז אַ פריינט אַז כ'לעב,
זאָג וואַס? אַט דאַס ווייס איך ניט בלויז...

די פּיאַנאַ איז פאַרשטומט געבליבן,
און ס'האַקט מיין ליד זיך איבער,
דאָך ליב איז מיר דער צאַפּל,
דאַס גייט פון וואַרט אין בלוט אַריבער.

די אַלטע פריילן לאַכט אַרויס:
— וואַס האַט איר דאַרט גערעדט?
איך ענטפער: אומשולד, שלאַפן גיי,
ס'איז אויף דער וועלט שוין זייער שפעט.

4

די איז אַלט געווען אינגאַנצן אַכצן יאַר.
ווער האַט דעם עלטער אויסגעטראַכט?
די איז געווען בלאַנד מיט שוואַרצע אויגן.
פאַרסמט האַט מען זי היינט געבראַכט.

דאַס זיידן העמדל האַט איר די מאַמע אויסגעטאַן,
די נייע שיך פון טויטע פיס אַראַפּגעצויגן,
געשמייכלט האַט צו אונז די טאַכטער,
נאָר ס'האַט די מאַמע אַפּגעקערט די אויגן.

— אַ שלעכטע מאַמע, — האָט װער געברומט
— אַ לײַכטער טויט — האָט עמיצער גערעדט,
און אײנער האָט מיר אַנגעשעפּטשעט;
גוט, װאָס שטאַרבן איז קײנמאָל ניט צו שפּעט.

פאַרװאָס איז זי פון אונז אַװעק?
איך האָב געװאָלט עס װיסן.
איך האָב געזען די שמאָלע פיס,
דאָס העמד, בײַ איין ברוסט אײַנגעריסן...
פאַרװאָס? צי קען מען דען דאָס לעבן װאַרפן,
אַט, װי עס װאַרפט זיך שמוציק מיסט?
דאָס לעבן איז דאָך אַװנט־רויט, מאַרגן־ראָז
און גראָז
און דאָס װאָס פרײט און אויך דאָס װאָס פאַרדריסט.

אַ שכנטע האָט מיך בײַם אָרבל אָפּגעצויגן,
קענטיק זי האָט געװאָלט מיר עפּעס זאָגן:
— שכן, איר זעט דאָס מײדל, יאָ, איר זעט?
נו, װעט איר העלפן איר לײב צום קבר טראָגן?

— פאַרשטײט, איך האָב געקענט זי נאָך אַלס קינד,
איר פנימל האָט פון דעם הויף אַרויסגעשײַנט,
זי איז געװאַקסן און װי די מײדלעך דאָ
געהאַט צוערשט אַ חתן און שפּעטער פרײַנט.
און שפּעטער האָט זי די מענער ניט געצײלט,
זי האָט געטרוימט פון ליבע בײַם ראַנד פון לעבן,
און דאָן האָט זי דערקענט אַ מאַן,
און האָט איר ליבע אומזיסט אים אָפּגעגעבן.

זי האָט צו גאָט גענומען בעטן:
פאַרװאָס זאָל גאָט זי ניט פאַרשטײן?

נאָר דאָן איז אויך דער מאַן פאַרשוואונדן,
זי איז געבליבן מיט גאָט אַליין.

און זי האָט זיך פאַרסמט.

מיין שכנטע ווערט איצט אַנטשוויגן,
און מיר, דעם בטלן פון דעם הויף
ווילט זיך מיט גאָט פאַר זיינע קינדער קריגן.

# איך וועל זיך אַמאָל פאַרגעסן.

אַז איך וועל אמאָל זיך פאַרגעסן,
וועל איך ווערן אַט דאָס, וואָס איך ביך,
אַ רויבער אין וועלדער פאַרזעסן,
וואָס זוכט מיטן מעסער זיין זיך,
אַז איך וועל אַמאָל זיך פאַרגעסן
וועל איך לאַכן ביז שפּעט אין דער נאַכט,
פון איינעם אַ לץ, יאַני פיין,
וואָס האָט פון לעבן אַ לידל געמאַכט.

כ׳וועל זיך לאָזן מיט וועגן פאַרדרייטע,
צו שטיבעלעך שטאָטישע גיין,
וועלן גליווערן פעלדער פאַרשנייטע,
ווי עס גליווערן וועלפישע ציין,
וועל איך קומען צו עפּעס אַ טיר דאָרט,
זי אַ שטויס טאָן און האַסטיק אַריין,
איך וועל נעמען אַ פרוי אַן אַ וואָרט
און זי ליבן אין זילבערנעם שיין.

און דאַן אויף שפּראַץ פון באַגינען,
כ׳וועל זי בינדן און קושן איר מויל,
איר לעצטן גראַשן געפינען
און אַוועקגיין צעשמייכלט און פויל.
כ׳וועל גיין מיט אַ וועג אויסגעטראָטן,
צו אַ קרעטשמע פאַרטרינקען מיין געלט,
צי דערטרינקען א מאַנענדן שאָטן
און לאַכן צום האַר פון דער וועלט.

ער אַלייז איז דאָך שולדיק, בלויז ער,
כ׳וועל זאָגן: צו דיר כ׳בין איצט גלייך,
איך פאַרשעם די פאַרשעמטסטע טרער,
איך שטויס שוואַכע אין טונקעלן טייך,
דו ווייַן ניט צו מיר פון קיין בוים,
און פאַל ניט, ווי אַש מיטן ווינט,
האָסט צעשניטן אַ ליכטיקן טרוים,
דאָס בלוט אויף מיין האַנט — איז דיין זינד.

כ׳וועל דאַן לאַכן און לאָזן זיך גיין,
צו מיין וואַלד דורך בלוילעכע שנייען,
ווי דער ווינט כ׳וועל אין בוימער פאַרגיין,
ווי דער ווינט כ׳וועל נאָך זיך אַלץ פאַרווייען,
וועט שוין קיינער ניט טרעפן צו מיר,
דאָך איך וועל מיין קרבן געפינען,
ווי אַ זינדיקער גאָט פון מיין טיר
כ׳וועל צו אייגענע פוסטקייטן דינען.

## שאַנכייער פאָרשטאָט האַנקיו I

אַ קראַנקער פון בענקשאַפט בין איך ענדלעך דערגאַנגען
צו אַ ארט, ווו געדאַרפט כ׳האָב יידן דערזען.
ווער איז דען אין אייגענעם פאַלק ניט געפאַנגען?
די צוקונפט איז בלויז דאָך באַנייטער געווען.

דיקלעכע ליפּן, בלייכע געזיכטער, זוכנדע אויגן,
פינגער, ווי צווייגן אין האַרבסט און שטערנס פאַרטרערט,
דאָס איז דאָך מיין שטאָם, וואָס האָט גאָט איינגעזויגן
און מיט הימלשן טרוים צעשויבערט די ערד...

באַגינען האָב איך זיך געוואַשן, געגרייט,
כ׳האָב געוואָלט, אַז מיין פּנים זאָל ליכטיקער ווערן,
דער פיינט האָט לאַנג מיך פון מיינע צעשיידט
דאָך איצט וועל איך ווידער זייער אָטעם דערהערן.
כ׳בין אַרויס פון מיין שטוב, געשמעקט האָט מיט טוי,
פון כינעזישע חורבות געווייט האָט אַ קעלט.
דער וואַן-פּו איז געפלאָסן פאַרגליווערט און גרוי,
אַ שרייאיקע כמאַרע, האָט די זון-שיין פאַרשטעלט.
כ׳בין געגאַנגען דורך גאַסן פון נאַכט אויסגעשיילטע,
און געזען ווילדע פּרויען, ווי שכורע שפּינען,
בעטלער מיט פּנימער — ווונדן פאַרהיילטע
קינדער-מייזלעך, וואָס פּרווון פון יעדן אנטרינען.
פון ים איז קלאַגנד אַ ווינט אַנגעפלויגן,
אַ בלינדער געקלאַפּט האָט אין ברוק מיט אַ שטאָק,
אַ לויה האָט ערגעץ זיך לאַנגזאַם געצויגן,
מיט געשוואָלענע ליפּן האָט געיאָמערט אַ גלאָק.

כ׳האָב געטראַכט, כ׳וועל דעם ערשטן יידן באַגריסן,
׳גוט מאָרגן׳ אים זאָגן, ׳איך קען זיינע טרערן׳
׳ווי דו בין איך אויך פון מיין שוועל אַפּגעריסן׳,
און דאָן אַ פאַרשטומטער אים הערן און הערן.

כ׳האָב געוווּסט אַלע רייד, וואָס קענען געזאָגט זייך,
ניט קיין מענטש, נאָר די צייט האָט זיי אויסגעטראַכט.
כ׳האָב געזען אַלע וועגן: תפיסות און פּיין,
ווער ס׳זאָגט היינט ׳דייטשלאַנד׳ דער מיינט שווערע נאַכט.

כ׳האָב געקלערט ס׳וועלן ווערטער מיך ווידער פאַרפילן,
ווי היילנדע מענטשן אַ געשטאָרבענע גאַס,
כ׳וועל מיין הונגער מיט טרערן און ווייטיקן שטילן,
און מיט ליבע פאַרסמען מיין וועלפישן האַס.

כ׳האָב באַגעגנט... גערעדט, גערעדט ביז פאַרגעסונג,
דורכגעגאַנגען מיט זיי יעדער קנייטש פון דער שטאָט,
אויב געבעט וואַקסט אַרויס פון שרעק און דערעסונג,
איז האַנקיו דער טעמפּל פונם שרעקלעכסטן גאָט.
אויף וואַרד־ראָד, אויף טשוסאַן, אויף טאַנגשאַן און דאָרט,
ווו די בראַדוויי דערגייט צום שמוציקן טייך,
האָבן יידן פאַרן קערפּער געבויט זיך אַן אָרט,
און אַ טרוים אויסגעוואָרימט: דעם טרוים פון זיין רייך.

ביינאַכט, פאַריינזאַמט בין איך ווידער געגאַנגען
צום הונדערטסטן מאָל אַרום זעלביקן אָרט,
כ׳האָבן שאָטן־לייט קליינע אין אַ נעץ מיך געפאַנגען,
יעדער שאָטן גערעדט האָט מיין אויסגערעדט וואָרט.
כ׳בין היילִיק אַריין אין אַ טונקעלער גאַס,
ס׳האָט אַ נאַקעט קינד זיך פאַר מיר אויסגעצויגן,
די לבנה, געשטופּלט געלויכטן האָט בלאַס,
פון אַ באַר האָב מיך געקוקט שוואַרצע אויגן.

און דערזען כ׳האָב אַ פידלער, אַז אויסטערליש שמאָלן
ר׳האָט אַ שוואַרצע סטרונע לאַנגזאַם באַרירט.
דער ווייַן איז די גלעזער איז רויט אַנגעקוואָלן,
ס׳האָבן פרויען האַלב נאַקעט צום טאַנץ זיך געריַרט.
ברוסטן מיט נאַפּלען, ווי פייגן פאַרדאַרטע,
האָבן שאַרף זיך געוואָרפן, געגלעט פרעמדע גלידער,
ס׳האָבן ליפּן גענאַרט, אַליין אָפּגענאַרטע,
און גערעדט וועגן ליבע און יוגנט איצט ווידער.

כ׳בין אַנטלאָפן... געפּרוּווט האָט ווער מיך פאַרהאַלטן,
מיט הייסע, דינע און פליסיקע פינגער,
די נאַכט איז צעפאַלן אין הונדערט געשטאַלטן
מיט פינטלענדע אויגן און דורשטיקע צינגער.

— לויף ניט — האָב איך זיך אַליין אָפּגעהאַלטן,
דו וועסט ניט אַנטלויפן פון אייגענעם בלוט.
ס׳איז דאָ אַזאַ פלעק, וואָס דו וועסט ניט באַהאַלטן,
וואָס איז דייַן ליד, ווען דייַן פאָלק איז ניט גוט?

דאָך איך בין אַלץ ווייטער און ווייטער געלאָפן,
אין אַ שטאָט פון חורבות כ׳בין געבליבן שטיין,
געקוקט האָט דער הימל — אַ ווייסל פאַרלאָפן
כ׳האָב געשעמט זיך צו הערן מייַן אייגן געוויין.
כ׳בין לאַנגזאַם אַוועק, געהערט מייַנע טריט,
און געהערט, ווי עס וואַיעט אין ווייטן דער ווינט,
פאַרנומען, ווי גראָז האָט אויף חורבות געבליט,
און ווי צייַט קומט אָן, רינט און צערינט.

באַגינען האָב איך ערשט באַטראָטן מייַן שוועל,
ס׳האָט געדאַכט מיר: איך בין שוין דאָ לאַנג ניט געווען,
ס׳האָבן ווענט אין פרימאָרגן געזילבערט זיך העל,
אַ פרעמדן פּנים, כ׳האָב אין שפּיגל דערזען.

כ׳האב געזעצט זיך צום טיש, געגעסן מיין ברויט,
געטרונקען מיין טיי (אין קוביק פּאַרבליבן)
געטראַכט: פון שטיינער, פון אויגן, פון האָר פּאַרגרויט
און דאָן מיט הענט, פרעמדע הענט עפּעס געשריבן.

נו, יאָ, אַ נאַר איז צו שפּאַסן, אַ קברן צו גראָבן,
אַ וועכטער צו היטן דאָס פרעמדע פאַרמעג,
אַ נאַכט-גייסט צו ציילן אין הימל די ראָבן,
אַ וואַגלער צו מעסטן דעם ענדלאָזן וועג.
און איך בין צו קענען זיך ניט דערקענען,
צו זוכן דעם קלאָר-ווייס, זיך מיט ווערטער באַזיגן,
צו זען, ווי וועלטן הויבן אָן ברענען,
און פילן, ווי אומקום נעמט מיך פאַרוויגן.

## שאַנכייער פאָרשטאָט האַנקיו II

ווען איז דאָס געווען? איך ווייס ניט. איך זע בלויז אַ וואַנט,
מיט פייכטלעכע פלעקן, אַ טישטוך מיט פראַנזן העל־גרין,
אַ פלעשל מיט ביר און אַ מאַן ערשט באַקאַנט
מיט פארשוואָלענע שמייכלען און הענט קרענקלעך־דין,
ער פאַרציילט מיר שוין לאַנג (דאָס טוען דאָ אַלע)
פון ׳דאָרטן׳ (אַזוי ווערט דאָ דייטשלאַנד גערופן)
ר׳האָט געהאַט זיך אַ קראָם, אַ קאַץ און אַ כלה,
נו וואָס? ס׳איז ניט יעדער צום גרויסן באַרופן.
נאָר שפּעטער... (דער שפּעטער איז שטענדיק דאָ)
האָט מען אים פאַרהאַלטן און טאָג־טעגלעך געשלאָגן,
ער ווייזט זיינע האָר; איר זעט איך בין גראָ,
און (ער שמייכלט), ס׳האָט היטלער באַשלאָסן מיך צו פאַריאָגן,
ער ציט זייער לאַנג. איך פאַרטרינק זיך מיט ביר,
ווי אַן האַרבסטיקער רעגן פאַרגיסט מיך זיין קול,
ער דערציילט וואָס מען פילט ווען ס. ס. קלאַפּט אין טיר
דאַך אַט רייסט זיך איבער דער געשפּרעך מיטאַמאָל.

ער מורמלט, צי כ׳דאַרף ניט גראַד איצט קיין דאָלאַרן
און פונטן און פראַנקן צו די ביליקסטע פרייזן,
און אויב איך קויף פרייד וועט ער אויך מיך ניט נאַרן
ער קען אַלץ פונם בעסטן, בלאָנדהאָריקסטן ווייזן.

ער שטופּט מיר אַ צעטל מיט קרומע אַדרעסן,
׳פראַו׳ ווענדי, אַ דרייסיק, ווקסיק און שיין
זי איז אַמוזאַנט, קען קאַנטן און ווערט ניט דערעסן,
זי וווינט אין אַ צימער מיט איר קינד בלויז אַליין.

און פריילן עדיט, צוואַנציק יאָר, עלעגאַנט,
שפּילט פּיאַנאָ און פּאַדערט ניט צופיל פאַר זיך,
פרוי שטיין הענגט ביי איר אויף אַ ראָזלעכער וואַנט,
זי איז קינדיש, גוט און פאַרליבט זיך אויך גיך.
און עלזאַ און רוט און ליאַלע און פאַניע,
ער קען פאָטאָגראַפיעס מיר ׳צייגן׳ ווען כ׳וויל,
כ׳מעג קומען אַליין, אויך מיט אַ קאָמפּאַניע
דאָך אַלץ מוז געמאַכט זיין ׳ארטיק׳, און שטיל.
און אויב איך וויל טומלען, ווי ס׳טוען די רוסן
זען שפּיגלען צעפּלאַצטע, הארמאָשקעס און ווייז,
איז אַלץ צו באַקומען, אומזיסטע פאַרדרוסן,
ס׳וועט בלויז אַ ביסל טייערער זיין.

ער רעדט אַז אַ שמייכל, ערנסט, געבויגן,
יעדער זאַך האָט אַ ווערט, יעדער קויפט לויטן טאַש,
אין באָר זיצן מיידלעך מיט טויטע אויגן,
דער רעדנער באַשטעלט ווידער אַ פלאַש.

---

איך מאָל אויס אַ פּונקט, אַ שטיינדל ביים ברעג,
צי קען עס דעם מענטשן פאַרהאַלטן ביים פאַלן?
אַ טונקעלער פלעק, אַ קבר ביים וועג,
אַ פאַרגעסענע זון מיט פאַרטריקנטע שטראַלן.

---

אַ מענטש האָט גערעדט מיט מיר וועגן היינען
און פלוצלונג געזאָגט: ׳כ׳האָב יעזוסן ליב
ד׳איז פאַר אַלע געשטאָרבן, אויך איר קענט עס לייענען׳
ס׳האָט באַשטעטיקט זיין שכן: ׳יאָוואָהל, הער וויינריב.׳

צען בעטלעך צווישטאַקיקע זענען געשטאַנען,
אין פינסטערן צימער, ענג אויפגעפרעסט,
אויף דער וועלט זענען שטחים גרויסע פאַראַנען,
דאָך אַ מענטש, ווי אַ פויגל מוז האָבן אַ נעסט.

און מעג זיין די נעסט מיט שטויב אויסגעפילט,
און פול מיט געיאַמער פון אַלץ, וואָס אַ וועק,
דריקט מען זיך אויף איין ווערטער פאַרשפּילט
און מען טיילט, ווי דאָס ברויט די שטיקעלעך שרעק.

רעדט איינער: ׳פּאַלעסטינע, פּאַלעסטינע, איר הערט?
יעדער פאָלק אַט אַ לאַנד, מיר דאַרפן עס אויך׳.
און אַ צווייטער אַן ליפּן פרעגט: ׳וואָס איז ערד?׳
ר׳האָט געמאַכט ציגאַרן און פאַרשטייט זיך אויף רויך.

דאַך אַ קינד וואָס שפּיל זיך צווישן די לייט
מיט שמוציקע הענטלעך, מיט האָר גאָלדיק-געל
מיט צוויי קנייטשלעך, וואָס לויפן פון נעזל פאַרשייט
מיט אויגן צעשמייכלט קאָרן-בלום העל
פרעגט: ׳וואָס איז פאָלק?׳ ס׳איז ניי אים דאָס וואָרט
די לייט האָרכן שטיל פאַרזונקן אין שטומען
ס׳איז דאָ אַ שריפט: פאַר יידן אין הינט פאַרבאָטן דאָס אָרט
דאָס קינד פרעגט אַלץ איבער, ס׳וויל אַן ענטפער באַקומען.
דאַן רופט זיך אָפּ איינער: ׳ווערסט לערנען ס׳טו וויסן׳.
די אַנדערע שאָקלען צו קלוג מיט די קעפּ.
אפשר זעט ווער אַ בלאַט פון אַ בוים אָפּגעריסן,
אָדער גאָר פון אַ רעקל די פאַרלוירענע קנעפּ.

---

איך גיי דורך די גאַסן, אומענדלעכע גאַסן,
מיט בערג גאַנצע מיסט, מיט מייז און מיט הינט,
מיט בעטלער אַן פיס, מיט קינדער, וואָס שפּאַסן,
מיט קאַלעקעס שוואַרצע, מיט בלאַטע און ווינט.

אָט איז אַ הייזל, אַ תפיסה, אַ צירקל, הינדוסן,
און אָט שמאַלע יידן מיט געלבלעכע הענט.
הענט אויף צו האַנדלען מיט טויטע פאַרדרוסן,
מיט פאַרגעסענע שרעקן, מיט צעקרישלטע הענט

ס׳האָט ווער ווען געהעצט, דאַרף מען געלט פאַר די וואונדן,
ס׳האָט ווער ווען געיאָגט, דאַרף מען געלט פאַר דער פרעמד,
זאָל מען צאָלן מיט גראָשנס פאַר אַ לייב אָפּגעשוונדן,
פאַר אַ טויט פון אַ פאָטער, פאַר אַ בתולהס אַ העמד,

און ס׳זאַמלען זיך גראָשנס, גאָטס פאָלק קען נאָך פילן,
אַמאָל האָט מען הענט געהיט פאַר דער שווערד
דאָך היינט ווייסט מען גוט, דאָס זענען בלויז שפּילן,
שטויב איז דער מענטש און שטויב קערט צו ערד.

פאַרהאַנדלט מען פרויען, פּירערס און קינדער
אַלטוואַרג, חלומות, נעכטיקע טעג און פאַרלאָשן בלוט,
גאָט איז דאָ מעכטיק, דאָך ער איז אַ בלינדער,
און דער וועכטער איז בלינד ווען מען צאָלט אים צו גוט.

דער בלאָנדזשענדער נביא וועט א הערצו ניט קומען,
די צייט פון גאָטס וואָגלער איז לאַנג שוין פאַרביי,
און דאָס האַרץ, ווי אַ שמאַטע קען פוילן און שטומען,
ווען אַלץ איז שטויב איז אַ וואָרט בלויז ׳זיי טריי׳.

---

זיי קומען צו מיר, אָט די מענטשן, ווידער און ווידער
זיי פרעגן, וואָס כ׳קויף און וואָס איז מיין פאַך,
דאַן שמייכלען זיי שטיל: ׳איר שרייבט זיך גאָר לידער?
אפשר האָט איר פּאַפּיר? אָט דאָס איז אַ זאַך.׳

ווען זיי טרעפן מיט פאַרויטלטע אויגן מיך זיצן
פרעגן זיי שטיל: ׳איר וויינט? ס׳איז דען עפּעס געשען?׳
זיי פרווון מיך דאַן פאַרווילן מיט וויצן,
׳אפשר האָט איר קיין פרוי צו לאַנג ניט געזען?׳

ווען מיין טיר איז פאַרהאַקט און איך שליס זי ניט אָפּ,
פאַרשווינדן זיי גיך, כדי מאַרגן צו קומען.
זיי מיינען כ׳האָב געלט, ווייל כ׳קוק שטענדיק אַראָפּ
ביז וואַנעט זיי מיינען איז ליב זיי מיין שטומען.

# איך קום און גיי אַוועק.

ס'וועט פאַרוועלקן דער ווינט מיינע שפורן,
ס'וועט פארדעקן די נאַכט מיין געביין,
וועט אַ היימלאָזער הונט מיך באַקוקן,
און די צייט וועט ווייטער זיך גיין.

וועט ניט זיין מער איך כינע שויך קיינער,
וואָס זאָל לידער יידישע שרייבן,
איז מיין רענצל מיט פעקלעך בריוו,
וועלן שפינען זיך אוונט-צייט קלייבן.

וועלן שטערן פון דעם זיך ניט לעשן,
ס'איז צו לעשן זיך אויך ניט כדי,
דער שכור וועט ווייטער זיך קושן
און ווייטער וועט בליען דער מאי.

און ווייטער וועט דארט אין אַ ווילנע,
גיין אַ קינד מיט א בלייכן געזיכט,
און די ווילע וועט זינגען איך גראַמען,
דאָס אייביקע וואונדער-געדיכט.

וועט אַ פלי טאָן אַ גאָלדענע זון,
וועט אַ גאַרטן זיך פריילעך צערוישן.
וועט א יינגל מיט גרינלעכע אויגן,
זיך פאַרליבן און זיך אַנטוישן.

וועט דער ווינטער פארבייטן דעם הארבסט,
און דער זומער, דעם שמייכלער, דעם פרילינג,
וועט דערגייז אַ יונג, אַז ער איז
מיט דער שוועסטער לבנה א צווילינג.

וועלן קרעמערס טייטלען אויף אים:
ס'איז אַ צווייטער פייפער־יונג פייך.
אַ קינד וועט אים ערנסט באַקוקן,
און דער אָוונט וועט שוימען, ווי וויין.

און אַלץ וועט זיין ווי געווען,
ער וועט בלאַנקען און שרייבן לידער,
ס'מוז די וועלט שטענדיק האָבן אַ מענטש,
וואָס זאָל מענטשן אַנרופן ברידער.

און דאַן וועט זיין ווידער קריג,
און די ברידער וועלן אים שיסן,
די ווייסע בייגלעך פּאַפּיר,
וועט טינט, רויטער טינט פאַרגיסן.

וועלן מענטשן אויפזאַמלען געלט,
און פאַרדעקן זיין לייב מיט אַ שטיין,
און איך וועל פון כינע צו אים,
קומען ביינאַכט שטיל צוגיין.

מיר וועלן זיך ליינען פיל לידער,
און וועלן אויך וויינען דערביי,
און ניט וויסן אויף זיכער שוין מער,
צי ס'איז לעבן געווען אונז כדי.

דאַן וועל איך מיט אים זיך אָפּשיידן,
ווייל איך ליג אין כינעזישן לאַנד,

און די ווילִיע וועט ווייזן פאַר מיר,
ווי אַ בלויער וואונדער־געוואַנט.

וועל איך גיין דורך בערג און דורך טאָלן,
ווייל איך מוז דאָך קומען צוריק,
און ס'וועט זינגען הינטער מיין פּלייצע,
מיין שטאָט פון אייביקן גליק.

וועל איך וויסן, אַז אַלץ איז אַ ליגן,
און פּאַרט וועלן ווידער זיין,
ווייל אין ווילנע רוישט די ווילִיע
און עס ווייגט אַ פּייפער־קינד פיין.

# דער שאַנכייער יידישער בית־עולם

איך גיי מיטן בייקאל, די הענט אין די הויזן,
דער רעגן רינט אַראָפּ פונם שטערן צום מויל,
לי־טיי־פּע האָט באַזונגען ריטערס און רויזן,
דאַך מיר איז מיט אומעט פאַרקלעבט דאָס מויל.

איך גיי. יעדער גאַנג איז אַ לעבן פון פּיס,
כ׳ווערן טירן אַ היים, דער שטח אַ ציל,
אין אוונטן קילע, ווערט דער וועג־אומעט זיס.
איך גיי דורך דער גאַס. ס׳איז טונקל און שטיל.

אַט שטייט אַ קליינער יינגל אין קראַם,
ער זינגט אַ געזאַנג צו דעם קונה אין ווייט,
אויפן זייך טאַנצט א דרייעק און אַ רויטער שוואַב,
ער רופט, אבער ס׳קומען ניט קויפנדע לייט.
ווערט דאָס יינגל פאַרשטילט, עס שליסן זיך אויגן,
דער שטראָם־גוס אין גאַס בלענדעט, ווי זיידן.
דאַכט אים, ס׳האָט עמיץ פאַר אים זיך פאַרבויגן,
און זאָגט: ווי פעדים שפּינען זיך ליידן,
ווילסט? כ׳וועל דיך לערנען ווערן אַ שפּינער,
וועסט ניט דאַרפן, ווי וואַנג און ווי ליו האָבן געלט,
וועסט פאַרשפּינען דיין לעבן, וועסט זיין גאָטס דינער,
און וועסט טראָגן אין האַרצן דאָס גאָלד פון דער וועלט;
דאָס יינגל דערשרעקט זיך און שרייט ווידער הויך,
דער קונה וועט אפשר אים איצטער דערהערן,

א כמארע שפרינגט — אַ פראַש מיט אַ בלויען בויך,
דער קליינער צאַפּלט און ווישט זיך די טרערן.

איך גיי און איך גיי... ווו בין איך פאַרגאַנגען?
פאַר מיין פוס שפּרייטן זיך קענטלעכע שטיינער,
און אַט איז אַ מאַן אויך צו מיר צוגעקומען,
ער זאָגט: ׳דאָ רוען יידישע ביינער.׳
איך שווייג און ער רעדט: ׳ס׳זענען מענטשן געקומען,
פון באָברויסק, פון באַגדאַד, פון באָמביי און פון דווינסק,
ער ווערט שטיל. איך באַטראַכט די פאַרטריקנטע בלומען,
און איך ליין: ראַנגון, ניו־יאָרק, מינסק.

דער מאַן קוקט זיך אום און פינטלט צו מיר:
איר זעט, אַט דאָ ליגט אַ ייד פון בערליך,
כ׳האָב געקענט אים פון לאַנג.. געקענט זיין טיר,
ר׳האָט געלערנט מיך זוכן אין לעבן א זין
מען האָט אים גערופן: פּראָפעסאָר האַנס וווּנדערלי,
און געשטאָרבן איז ער דאָ מיט דריי טעג צוריק,
כ׳האָט זיין טויט מיך געגעבן צום לעבן א צי:
אין פאַרמעסט מיטן אומגליק שאַפן מיר גליק.
נו גוט. ר׳האָט שפינאָזאַן גלענצנד געקענט,
ניט אַלץ כ׳האָב באַנומען, נאָר איצט איז אַלץ קלאָר:
מען מוז אמאל בינדן די אייגענע הענט,
און זאָגן דער צייט: דו ביסט ניט די וואָר!

ער רעדט זייער גיך, דער פרעמדער פאַרשוין,
אפשר האָט ער זיין שאָטן אין מיר איצט דערקענט,
ער וויל כ׳זאָל אים זאָגן ווי איך הייס, ווו איך וווין,
און צי האָב איך די ליבסטע ביכער געבערענט.

דאָן הויבט ער אָן ווידער: אַט דאָ ליגט אַ מאַן,
וואָס איז מיר אַ לערער, אַ גרויסער געווען,

כ׳האָב שטענדיק געקלערט; ר׳איז דאָ, ר׳איז פאַראַן,
דאָך נעכטן טויט כ׳האָב אים ליגן דערזען,
זיין פרוי און זיין קינד זענען היינט דאָ געשטאַנען,
זיי האָבן געקוקט אויפן בערגעלע ערד,
אין כינע, אין דער ווייט איז גאָט אויך פאַראַנען,
אָבער גאָט האָט דעם מענטשן זיך טויטן פאַרווערט.

פאַרוואָס? ווייל ניט ער האָט דאָס לעבן געבראַכט,
ער קען דאָס אין פיין בלויז איבערבאַשאַפן,
ווער ס׳רייסט אויס דאָס לעבן מיט בייזער מאַכט,
גלייכט צו אַ שיף, וואָס גרייכט ניט דעם האַפן,
איך מיינט, אַז די ווערטער האָט ווער בלויז באַשטעלט,
און כ׳רייד אויף באַשטעלונג פאַר אייך דאָ אַ צינד?
זאָל זיין אַז ס׳איז אמת, דער באַשטעלער איז וועלט,
וואָס זאָגט דורך מיין בלוט, אַז איך בין איר קינד...

איך זע, אַז איר שמייכלט, ס׳איז מיסטיש? נו, פיין,
עס פאַסט ניט צום ליכט פון עלעקטרישע דראָטן?
אָבער וואָס זאָגט דאָס ליכט צו צווייפל און פיין,
און צו מענטש אונטער אייגענעם שאָפן פאַרשאָטן?

איך וויש אָפּ מיין פּנים פון קילנדן רעגן,
דער מאַן איז איצט שטיל. די נאַכט וויינט אין מיר,
עס לייגן זיך שטיינער ביי ענדע פון וועגן.
קוק, אפשר וואַרט שוין אַ שטיין אויך אויף דיר?
איך שווייג געבויגן, דער פרעמדער זאָגט הויך:
׳קום ארויס פון בייקאַל, ס׳איז אַ היים דאָך ווייט׳
אַ היים? פרעג איך איבער, די נאַכט וואַקסט, ווי רויך,
דער פרעמדער זאָגט: ׳די היים איז די צייט!׳

איך גיי און איך קען מער דעם פרעמדן ניט זען,
אָט, איז אַ בעטלער און אָט דאָס יינגל ביים טיר.

איך טראַכט פון פּראָפעסאָר, ר׳איז מיין שכן געווען,
דאָך פון אונטער דער ערד רעדט ער מער ניט צו מיר.

איך שפּרייז און איך ווער מיט מיין איביקייט זאַט,
איך שפּרינג אין זיך, ווי אין שוץ-גרוב אַריין,
הבל — בין איך אויפן ערשטן בלאַט,
משיח — אויף אַ בלאַט, וואָס דאַרף ערשט זיין.

ווי א יעגער אין טריט פון א לויפנדן האָז
יאָגט מיך דער זכרון דורך וועגן און ברוקן
זאָל זיין, אַז דער פרעמדער איז דעם גורלס נאָז?
ער האָט זי ליב אין מיין לעבן צו רוקן.

איך דריי זיך אום. כ׳בין איינער אַליין.
די שטעט-נעמען ווירבלען — שטויב אין שטורעם,
ווילנע, דמשק, באַגדאַד, דווינסק — איין געוויין,
בין איך פון געוויינען דער צאַפּלנדער פורעם?

איך גיי. מיר דאַכט כ׳זע דעם גאונס-קלויז,
און אַ לערנער, וואָס צווייפלט איבער אַ בוך,
אין אַ ווינקל דאַוונט אַן אַלטע, יידישע מויז,
פון דער בענקשאַפט שלאָגט אַ טערפּקער גערוך.

שאַנכיי — ווילנע,ביידע פאַרשטאַכן אין מיר,
טויט און לעבן און איך פאַרגראָבן אין זיי.
בין איך צו דעם נייעם אַן אָפענע טיר
אָדער גאָר פון דעם אַלטן אַ שרעק אויסגעשריי?

איך לויף. כ׳מוז דערגרייכן מיין לעצטן שיין,
ווי ביילן ליגן מצבות ביי מיר אויפן ברוסט,
אַ, פּראָפעסאָר, דאָס לעבן איז אַ לעקציע פיין,
דאָך אַז דער לעקציע איז אונז גאָרניט באַוווּסט.

# ס׳איז שווער צו לעבן

ס׳איז שווער צו לעבן, יאָ ס׳איז זייער שווער,
נאָר שיידן זיך איז נאָך שווערער,
די בלעטער וועלקן רויט און געל,
און כאָטש זיי וועלקן וויל איך זען מער און מערער.

ס׳איז שווער צו לעבן און בריוו צו שרייבן,
און ענטפערס קיינמאָל ניט באַקומען,
ס׳איז שווער אין פוסטע שויבן קוקן,
און זען צוויי ליפּן פאַרפרעסט אין שטומען.

נאָר אַז דער שווערקייט בלייבט גאָרניט מער,
און אין דעם גאָרניט בין איך ניטאָ,
איך לאָז זיך גייז, און בין ס׳געגאַנג,
פון שעה נאָך שעה, פון שעה נאָך שעה.

די וועלט איז פול מיט שטומע טירן,
איך לייג מיין שטומקייט אויף די שוועלן,
ס׳וועט לייכטער זיין אמאָל צו שטאַרבן,
אויב כ׳וועל איין וועג אַ מענטש געפעלן.

ס׳איז מאָדנע זיס דאָס שטילע וויסן,
אַז עפּעס וועט פון מיר פאַרבלייבן,
עד, הארץ, מיין הארץ, עד, וואָרט, מיין וואָרט,
ס׳איז עפּעס בעסערס דאָ פון בעסטן שרייבן.

נאָר וואָס דאָס איז איז שווער פאַרשטיין,
די טירן מאַכן זיך פאַר מיר ניט אויף,
איך גיי און גיי און פון געוויינהייט,
רייס איך דעם מידן קאָפּ ארויף.

— זאָל אויף דער ערד ווו איך וועל ליגן,
קיין מענטש ניט זינגען מיר קיין ליד,
איך בין אַליין געווען אַ זינגער,
און בין פון יעדער שיינקייט מיד.

— די הינט, וואָס האָבן ניט קיין היים,
זאָל צערטלען שטיל אַ האַנט,
שטומער צער און ווייסע טרערן,
איז זיי, ווי יעדן מענטש באַקאַנט.

— אויב ס׳וועט מיין מאַמע דאַן נאָך לעבן,
זאָל זי דערציילן, ווי כ׳האָב געשפּילט,
ווי כ׳האָב געריסן פרעמדע קאַרשן
און, ווי איך האָב זיך צוגעקילט.

— לאָם איך אַ קינד פאַר איר פאַרבלייבן
צו צוואַנציק יאָר כ׳בין שלעכט געוואָרן,
און זאָל מען אויך מיין טאַטן זאָגן,
אַז כ׳האָב געגאַרט צו אים דערפאַרן.

— נאָר כ׳בין צו פרי ערגעץ געפאַלן,
מיך האָט פאַרדעקט אַ שוואַרץ געוואַנט,
אין צימער האָט דער בעל-הבית,
איין וואָרט אראָפּגעליינט פון וואַנט.

— איין יידיש וואָרט איז פרעמדער וועלט,
׳ליבע׳, יאָ, ליבע, אַ וואָרט אַז זין,

איך האָב אַ סך אין לייד געזוכט
און בין געשטאָרבן, אָט, ווי איך בין.

— עך, אומעט, אומעט פון שטילסטן וואָרט,
כ'איז שווער צו לעבן, ווען ס'ווייט דער טויט,
נאָר כ'נעם די שווערקייט מיט אַלע שרעקן
מיט אַלע בלעטער, וואָס וועלקן רויט.

איך בין אינגאַנצן אין דער לאַסט,
כ'נעם אויף די דערנער אין מיין גאַנג,
כ'בין פריי, ווי זיי און בלינד, ווי זיי,
מיט שאַרפע שפיצן וואַקסט מיין פאַרלאַנג.

ווער ס'וועט זיך אין אַ שפּיץ צעשניידן,
זאָל מיך ניט שעלטן כאָטש דערפאַר,
איך האָב געהאַט אַ מילד האַרץ,
און ווילד געבענקט, ווי יעדער נאַר.

# מיטן אַלטן וועג

און ווידער גיי איך דאָ איצט מיטן אַלטן וועג,
דער אָוונט וויגט זיך שטיל, ווי אַ פאַרדאַרטער בוים,
די ליבע ווי דער עקל פאַרשווענקען יעדער ברעג,
איך גיי, אַ מידער ריטער פון עמיצנס אַ גרויסן טרוים.

דאָ לעבן יידן דייטשישע מיט טויזנט אויסגערעדטע רייד,
די שפּראַך פון זייער שענדער בריט זיי ניט אָפּ דאָס מויל,
דאָ וווין איך אויך, פרעמד און אָפּגעשייט,
אַ זאַמלער פון ווייטאָגן און גראַמען, וואָס קלינגען וויל.

אין היים־לאַנד מיינעם האָט מיך דער אומעט אומגעטריבן,
דאָ אין דער פרעמד בייס איך פון בענקשאַפט זיך די הענט,
מיין טרייסט איז ניט געווען דאָס וואָרט פאַרשריבן,
נאָר די רגע גלויבן, וואָס כ'האָב פאַר יעדער וואָרט דערקענט.

איך האָב געלעבט דאָרט שווער, זייטיק און פאַרביסן,
געשעמט זיך פאַרן הארץ, וואָס האָט געקענט בלויז קינדיש בעטן,
איצט ליגט דאָס לעבן אויף צוויי צעריסן,
און ריסן קען מען ניט מיט גוטע הענט פאַרגלעטן.

דאָס וואָס טוט וויי וועל איך ביז לעצטן ווייז דערזאָגן:
איך האָס דעם מערדער און דעם, וואָס קניט פאַר זיינע טריט,
דער שטאַרקער קען דעם שוואַכן פון יעדער שוועל פאַריאָגן,
נאָר דאָפּלט ווערט פאַריאָגט דער מענטש, וואָס האָט ביים קלאַפּ געקניט.

די שכנים מיינע, זיי קניען דאָ טאָג־איין, טאָג־אויס,
איך גיב זיי ניט די האַנט, זי מוז זיין ריין פאַר בלוט,
זאָל זיין די איינזאַמקייט וויסט און שווער און גרויס,
ווער ס'גייט דורך איר אַדורך האָט שוין פאַר אַלעם מוט.

זיי ווילן, אט, די יידן-דייטשן, ביי איין טיש מיט מיר עסן,
און ציען מיך אין שענק צו אויסגעבלייכטע, דיקע פרויען.
זיי זענען שוואך. זיי לערנען זיך בלויז איינס: פארגעסן!
דערפאר קען איך דער אלץ-געדענקער זיי קיין זאך ניט פארטרויען.

ווער ס׳האט די ליבשאפטן ניט אפגעזוכט איז זיך,
צו אפגעברענטע הייזקעס, צו וואגלער-לייט, צום שטילן קינד,
ווער ס׳האט ביינאכט דעם הימל-זיצער ניט געוועקט: פיר מיך!
דער קען ניט זיין מיין ברודער, דא, אין דעם לייד אצינד.

א פרעמדער איז בערלין איז דאך מיין מיימון אויך פארבליבן,
אין שענק נאך מערער, ווי אין דער שול א ייד,
ס׳האט זייער מענדלסאן די ביבל אויפסניי איבערגעשריבן,
דאך ער, דער זומפן-יונג, האט אויסגעלעבט א וואונדער-ליד.

נאר אויך פון אים, דעם ביבל-שרייבער, איז זייער פוס אוועק,
זיי האט דאך היטלער ערשט א „יוד״ געשטעלט אין פאס.
און זיי פארצאפלטע פון שאנד און שרעק
האבן ווי מייז ערב-באגינען דורכגעשווארצט די גאס.

וואס ציטערט איר? ער וועט פאר יידן אייך ניט מאכן,
די אלטע פעסער וועט מען אמאל אייך איבערשרייבן,
נאר ביז עס ברענט דער אות הערט אויף ווי בעטלער לאכן,
זאלן די שטאט-נאראנים זיך אויפהערן דא קלייבן.

א, געסלעך, געסלעך, איר נעמט מיך ווידער איצט ארום,
און ווייט און ווייטער פארקייקלען זיך די ווייסע שטערן,
נאר כ׳קען א קונץ, איך זאג אליין זיך: „קום״
און כ׳גיי צום צויבער-לאנד און וואקס מיט אים זיך אויף אין שווערן.

— כ׳וועל ניט פארגעסן, ווו איך וועל זיין, ווו איך וועל קומען,
דעם גרינעם פלויט, דעם טייך, דאס אוונט-ליכט,

דער באָבעס תפילה, דעם זיידנס מילדן שטומען
און אויך דעם נאַכט-וועכטערס בלוי געזיכט.
דאָס ערשטע העפטל, ווי ס׳שרייבט זיך מאַמע — די ערשטע שול,
דעם לערער, דאָס פּרץ בילד, דעם שגץ, וואָס וויל שלאָגן,
די ווינט-מיל, די לאָנקע, מיין קעשענע מיט שטיינער פול.
און מיין טאַטנס וואָרט: דו זאָלסט דעם אמת שטענדיק זאָגן.
כ׳וועל ניט פאַרגעסן דעם ברודער-קבר אויפן בית-עולם באַרג.
דאָס ליד פון ניינצן-פינף, מיין ערשטן שילער — דעם שכנס קינד,
דאָס לעבן איז מיט גרויסע פריידן זייער קאַרג.
נאָר ס׳קלעקט פאַר מיר, ס׳וועט זיי ניט אויסווייען דער ווינט.
איך וועל געדענקען דעם אַלטן רבֿ, דעם זילבער-גרויען,
וואָס האָט געפרעגט: ווי קענסטו אויסהאַלטן אַן גאָט פון מענטשן?
און כ׳וועל געדענקען אויך אין שויב די מאָרגן-טויען,
און יעדער זונען-אויפגאַנג אויפנעמען און בענטשן.

מיט געלט קען מען זיך טיילן, מען קען זיך טיילן מיט א העמד,
נאָר ווער עס טיילט די בענקשאַפט צעשניידט אַ צאַפּלענד לייב,
דו פרעמדער פון מיין גאַס, זיי ווייטער פרעמד,
מיט דיינע רייד און ריידלעך פון ווייטנס בעסער בלייב.

כ׳האָב ליב צו טרעפן ווייטע מענטשן מיט פינקלדיקע אויגן,
און ליב כ׳האָב הערן לידער פול פויגלשן געשריי,
פיינט האָב איך יענעם נאָמענלאָזן, וואָס ליגט אויף וועגן אויסגעצויגן,
און קלאָגט אין זיבן פרעמדע שפּראַכן, אַז ס׳טוט דאָס הערצל וויי.

איך בין דער ייִד, דער וואָגלענדער, דער בייזער און דער האַרטער,
איך בין, וואָס כ׳בין און קען זיך ניט ביים גרענעץ טוישן,
איך בין דער ווילדער טרוימער, דער טויזנט מאָל געגאַרטער,
וואָס הערט ווי ווייטע סאָסנע וועלדער אין יידיש לשון רוישן...

# רויטער טוי

# פינגער קלאַפּן

קלאַפּן פינגער אין מיין שויב,
קלאַפּן ציטערדיק און שטיל,
וויגט זיך איבער מיר מיין שאָטן,
ווי א טויטע, גרויסע גריל.

הויב איך אויף זיך פון מיין בעט,
בויג דעם קאָפּ איין צו דער נאַכט,
דאַכט זיך מיר א שוואַרצער בעטלער,
האָט מיין לעבן אויסגעטראַכט.

רייס איך אויף איבער מיין לעבן,
ס׳גרויע, שווערע העמד,
רופן קלאַפּנדיקע פינגער,
ערגעץ, ערגעץ צו א פרעמד.

רייס איך אויף דאָס קרומע פענסטער,
ווערן פינגער־קלעפּ אנטשוויגן,
ווייס איך ניט צו ס׳איז מיין בענקשאפט,
אומזין, שרעק, צי ליגן...

ווייס איך ניט, וואָס וויל מיין ווילן,
ווייס איך ניט, וואָס כ׳וויל אליין,
גרינער, דינער שטערן־שייך,
ליגט אויף מיינע ציין.

אויפן טיש דער מעסער רוט,
און א ברויט אויף צוויי צעשניטן,
ליג איך א צעצווייטער מענטש,
פֿרעמד צו זיך און אָפּגעליטן.

קלאַפּן פֿינגער אין מיין שויב,
נעמען בלוט־טראָפּנס דאָרט גליען,
ליג איך, ווי א שוועל צעבראָכן,
גרינגער שיין אויף מיינע וויען.

העלף מיר, נאַכט, געפֿינען דעם,
וואָס האָט מיך אויסגעבענקט,
דינע פֿינגער קלאַפּן קוים,
אויפֿן האַלדז מיין שאָטן הענגט.

## וואָס ווילסטו קינד?

דאָס בלויע שייבל פלאַטערט איבער מיין קאָפּ,
די ווייט איז פול מיט וואַלד און ווינט,
די'ד ווערטער ציטערן און לאָזן מיך ניט אָפּ:
וואָס ווילסטו, קינד, נו, יאָ, וואָס ווילסטו קינד?

דאָס קינד, דאָס בין איך גאָר אַליין,
צום טייוול! א קינד אַזאַ קען שוין א זיידע זיין,
דער ווינט אויף פליינער פאַרגייט אין א געוויין,
און איך פאַרקריך אין זיך, ווי אין א הייל אַריין.

אַ האַלבע וועלט האָב איך אין גריבער צוגעטראָטן,
די צווייטע האַלבע האָב איך ביז אומזין פיינט באַקומען,
נאָר צי איך לעב, צי כ'ביז פאַרשאָטן,
האָב איך ביז איצט נאָך ניט באַנומען.

איך האָב באַוויינט מיין טויט שוין צוואַנציק מאָל,
און צוואַנציק מאָל איז מיר מיין לעבן צוגעגעסן,
צי כ'בין א ליגנער, צי ס'נאַרט מיך בלויז מיין קול
האָט גאָט מיר אויסזאָגן פאַרגעסן.

ער האָט פאַרגעסן נאָך אויסצוזאָגן מיר פיל זאַכן,
און כ'האָב אים ליב און נאָך מער פיינט דערפאַר,
ווייל כ'ווייז פון פרייד און לערן זיך איז פיינער לאַכן,
בין איך זיין דיכטערוק, זייז נאַכלויפער, זיי נאַר.

אַז גוט איז מיר ניט ווייס איך שוין אויף זיכער,
נאָר וואָס איז גוט, איז מיר נאָך אַלץ ניט קלאָר,
כ׳האָב לעבנס מער, ווי אַ פּראָפעסאָר ביכער,
נאָר כ׳קען איז זיי ניט אָפּטיילן טרוים פון וואָר.

דערפאַר ווייס איך נאָך אַלץ ניט, צי שלעכט ז׳מיין טרוים,
צי ערגער איז נאָך יענע וואָר, וואָס איך באַנעם.
די וועלט איז פול פאַר מיר מיט קלאַנג און שוים,
גאָטס פינגער, ווי אַ שטיין ליגט אויף מיין ברעם.

דורך אַלע תליה-פלעצער טרייב איך זיך בלינד ארום,
צו אַלע תפיסה-שלעסער לייג איך די ליפּן צו,
פון טיפסטן שלאָף שריי איך צו זיך: קומסט אום,
און ווי אַ מענטש מיט אַ גנבה איך שעם זיך מיט מיין רו.

וועד דאַרף מיין שטענדיק וואַך-זיין אויף טויטע שוועלן?
וועד דאַרף מיין מאַנען, ווען אַלע ווילן איך זאָל געבן?
איך קען ניט זיך, ניט קיינעם אין מיין גאַנג געפעלן,
אַ פּיאָווקע ניט אָפּצורייסן — איז מיין לעבן

אַ שוואַרצער קרייז האַלט מיינע טריט געפאַנגען,
אין קרייז איז אַלץ פאַרשלאָסן: דער שטערן און די פליג,
פאַרוואָס בין איך צום לעצטן ר״נג דערגאַנגען?
איז דען ביים לעצטן-לעצט אויך נאָך דאָ אַ זיג?

גאָט האָט פאַרגעסן דאָס אַלץ מיר אויסצוזאָגן,
און כ׳האָב אים ליב און נאָך מער פיינט דערפאַר,
ווייל כ׳פּרוּוו פאַר אים זיין געטלעכקייט פאַרקלאָגן,
בין איך זיין דיכטערוק, זיין נאָכלויפער, זיין נאַר.

## דער גורל

דאָס איז אַ ליד פאַר אַלטע קינדער
און איך האָב דאָס פאַרטראַכט,
דער גורל איז אַ נאַר אַ בלינדער,
ער האָט אונז איך אַ הויז פאַרמאַכט,
און האָט די טרעפּלעך אָפּגעבראָכן,
און האָט די פעסטער אויסגעריסן,
איז דאָ שוין מער ניטאָ קיין שכן,
און קיין זאַך דאַרף מען ניט פאַרשליסן,
און קיין זאַך דאַרף מען ניט פאַרשליסן.

ליגן זיך שיכלעך געל און רויט,
קיין פיסלעך זענען מער ניטאָ,
מיר וואַרטן אַלע אויפן טויט,
און ס'ציילט דער זייגער שעה נאָך שעה,
פון וואַרטן ווערן מיר געבויגן
און שפּילן זיך, ווי קליינע קינדער,
א פאַווע איז צו אונז געפלויגן,
נאָר ס'האָט געפאַנגען זי א שינדער,
נאָר ס'האָט געפאַנגען זי א שינדער.

האָט ער דעם קאָפּ איר אָפּגעהאַקט,
זיין ווייב מיט פעדערן באַצירט,
איז זי ארויס צום געלן טראַקט,
און האָט אונז אַלעמען פאַרפירט.

ס׳האָט יעדער אין איר טיר געקלאַפּט
און קען דאָס מער שוין ניט פאַרגעסן,
זי האָט די פאווע צוגעכאפּט
און מיר האָבן איר ברויט געגעסן,
און מיר האָבן איר ברויט געגעסן.

איצט דאַרף זי מער אונז ניט פאַרפירן,
און מיר, מיר זיצן שוין אַליין,
צעעפנט אַלע הויכע טירן,
פאַרבענקט נאָך קינדער און געוויין,
נאָר וויינען קענען מיר ניט מער,
מיר קוקן אויף די קינדער שיכלעך,
די זון פליסט, ווי א רויטע טרער,
און ס׳ווייען כמארעס ראָזע טיכלעך,
און ס׳ווייען כמארעס ראָזע טיכלעך.

דער גורל איז א נאָר אַ בלינדער,
ער האָט די טרעפּלעך אָפּגעבראָכן,
רופן מיר צוהילף דעם שינדער,
וואָס האָט די פאווע אונז דערשטאָכן,
קומט אַן דער שינדער און ער לאַכט,
מיר לייגן דאַן זיך אויף די שוועלן,
פליט איבער אונז א בלויע נאַכט,
און ס׳נעמט אַ פויגל טרעלן,
און ס׳נעמט א פויגל טרעלן.

זענען די טרעלן וואונדער שיין,
געמען זיך אַלע שטיל ארום
קומט גיך דער בלינדער נאָר צוגיין,
און ער זאָגט יעדערן; נו, קום.
טרעט יעדער שטום די שוועל אריבער
און פאַלט בליץ-שנעל אראָפּ,

גראָבט אויס דער גורל טיפֿע גריבער,
צו גרוב פֿאַר יעדן רויטן קאָפּ,
צו גרוב פֿאַר יעדן רויטן קאָפּ...

דאָס איז אַ ליד פֿאַר אַלטע קינדער,
און איך האָב דאָס פֿאַרטראַכט,
דער גורל איז אַ נאַר אַ בלינדער,
ער שפּילט מיט מיר זיך נאַכט נאָך נאַכט.

# א דאַנק אייך

אַ דאַנק אייך פאַר אַלץ, פאַר לעבן און טויט,
פאַר שפּיזן וואָס זענען קונציק פאַרשפּיצט,
פאַר גלחישע־רייד, פאַר הינטישן קויט,
פאַרן „יוד״, וואָס איר האָט אונז אין שטערן פאַרקריצט.

א דאַנק און אַ דאַנק פאַר פרייד און פאַר שפּאָט,
און פאַר מיטלייד, וואָס שנייט אונז אַזוי ווי א מעסער,
פאַרן קניען צום זון פון אונזערס א גאָט,
און פאַר דעם, וואָס נאָך תּפילות מאָרדעט איר בעסער.

אַ דאַנק אייך פאַר אַלץ: פאַר קינדער־געוויין,
און פאַר לאַטעס, וואָס דריקן ווי טויטע לבנות,
פאַר דעם וואָס איר קענט אונז ביז איצט ניט פאַרשטיין,
און פאַר דעם וואָס איר פילט אין אונז בלויז סכּנות.

אַ דאַנק אייך פאַר פייערס, וואָס איר וועט צעצינדן,
און פאַר ווערטער וואָס איר וועט דאָרט ריידן און ריידן,
געבענטשט זאָל די האַנט זיין, וואָס וועט אונז פאַרבינדן,
דעם לעצטן סוד וועט זי אונז אנטשיידן.

געבענטשט און געבענטשט און געבענטשט זאָלט איר זיין,
איר האָט אונז געגעבן, וואָס ביי אייך איז געווען,
מיר האָבן פאַרדינט אי פייער, אי פּיין,
ווייל מיר האָבן די אמתע וועלט ניט געזען.

מיר האָבן געשטריטן צו אייער געוויסן,
נאָר איר האָט אונז שרייען קיין רעכט ניט געגעבן
יאָ, מאָנען מעג דער, וואָס קען בלוט פאַרגיסן,
נאָר ניט דער, וואָס צעשענקט מיט ליבשאַפט זיין לעבן.

איז געבענטשט און געבענטשט און געבענטשט זאָלט איר זיין,
פון דער געטאָ־שוועל מיר זינגען אַ ליד,
לייב איז ברויט, און בלוט איז וויין,
און פליג פאַר שפינען איז דער אייביקער ייד.

איז אַ לויב צו דער שפּין און אַ לויב צו דער נעץ,
פאַרדאַרט זאָל די פוס זיין, וואָס קען ניט צעטרעטן,
די האַנט, וואָס צעשטערט א ליימענעם געץ,
דאָס בלוט, וואָס געבוירט יונגע פּאָעטן.

א לויב צו די ריכטער, וואָס שענדן געטויטע,
צו קינסטלער און לערער פון העכערן מאָרד,
מיר לייגן אין שטויב די געקרייזלטע קעפּ,
און פלעכטן א טעפּיך פון אַ זילבערנער באָרד,

אַוועק איז די צייט ווען מיר האָבן געמאָנט,
היינט זענען מיר אַלע באַגייסטערט פון אייך,
מיר האָבן אי זיך, אי אייך שוין דערקאָנט,
און טרוימען פאַרברענט זיין אין פערטן רייך,

מיר טרוימען צופאַלן אין העלן באַגינען,
ווי אַש אויף גרין־גראָז באַפּערלט מיט טוי,
ווי בלעטער פאַרקוילטע אויף טייכן רינען,
און קרייזן מיט ווינטן צום הימלשן־בלוי.

מיר טרוימען צופאַלן אין אייערע טעלער,
צו אייערע שפּיגלען ווערן פאַרקלעפּט,

פאַרסמ׳ן דעם ווייַן אין טונקלסטן קעלער,
די ליבע האָט אונז ביזן טויט אויסגעשעפּט.

מיר טרוימען צו רוען אויף אייערע בּיכער,
אויף אייערע ליפּן און אייערע העק,
און מורמלען און מורמלען: עס קומט דער וויכער,
מיטן לעצטן ייִד איז אייער עק.

אין א לויב און א לויב, וואָס איר האָט אונז פאַרשניטן,
איצט וועט איר דערשניידן זיך אַליין ביזן גרונט,
דער ווינט וועט מיט זאמדן אייך האַסטיק פאַרשיטן,
און ניט ווייַנען נאָך אייך וועט אפילו קיין הונט.

# גיב מיר כוח

כ׳בין מיד פון וואָגל און מיד אויך פון דעם האָס.
איך שעם זיך פאַר דעם לעבן, וואָס ווערט אויף שווערע הענט פאַרגרויט,
ס׳איז דאָ אַ לאַנד און אין דעם לאַנד איז דאָ אַ גאַס,
דאָרט שטייט אַ קליינע שטוב מיט פענסטער בלוי־פאַרטויט.

פאַר אַט די פענסטער גיי איך אין טרוים נאַכט נאָך נאַכט,
נאָר אין די פענסטער קוק איך פאָרט ניט אַריין,
אַנשטאָט צו שטאַרבן האָב איך פיל לידער אויסגעטראַכט,
און ווי אַ לץ מיט גלעקלעך פאַרשפּילט זיך מיט מיין פּיין.

אָ, גאָט, מיין גאָט, ס׳איז מיר ניט גוט, כ׳בין שלעכט און קליין,
און ערגער נאָך פון מיר איז אַלץ, וואָס כ׳טרעף אין וועג,
כ׳האָב מורא איצט דאָס לעצטע־לעצט פאַרשטיין,
ווי ווייסע בריוו־פּאַפּיר מיש איך די ניט געלעבטע טעג.

ניט שוואַכקייט האָט מיך געמאַכט אָט, ווי איך בין,
כ׳בין נאָס פון בלוט, וואָס כ׳טאָר שוין ניט פאַרגעסן,
באַצאָלונג — דאָס איז דער לעצטער לעבנס־זין,
עס וואַרט אויף איר דאָס הויז, וווּ כ׳בין אַלס קינד געזעסן.

אָ, גאָט, מיין גאָט, וואָס האָסט מיך ניט גערופן און ניט געטריבן,
העלף מיר אין דייטשלאַנד שטאַרבן, בלויז דאָרט אַליין,
אין שווערע נעכט האָב איך אַ שטאָט דאָרט אויסגעקליבן
און כ׳וויל דערלעבן צו יענער שטאָט אַמאָל דערגיין.

צען בריוו כ׳וועל דארט צען ווארטנדיקע מאמעס ווייזן,
צען בריוו פון מערדערס צען, וואס וועלן שוין אהיים ניט קומען,
כ׳וועל רעדן דייטש יידישלעך מיט ווילדע גרייזן,
און דאן איבער די פוסטע בעטן פארטייעט שטומען.

און ווען די מוטערס וועלן גארן מער און מער נאך וויסן,
וועל איך זיי בילדער שטופן פון מענער ביי לובלין פארברענט,
פון פרויען הענגנדע, פון קינדער אויף דער העלפט צעריסן,
און לאכן, ווייל יעדעס קינד האט מיינס א קינד זיין געקענט.

און ווען די פרויען וועלן וויינען, וועל איך דערציילן,
אז ס׳איז דער הימל בלוי און, אז די ערד איז גרויס,
ס׳איז דא א פיין, וואס פרעמדער פיין קען בלויז פארהיילן,
כ׳וועל פלוידערן ביז עמיצער וועט בעטן: גיי ארויס.

כ׳וועל דאן ארויס, און גיין פון גאס צו גאס,
די פאטערס אין טרויער-בענדער גאנץ העפלעך גריסן,
מיין גוף וועט זיין דאס ארט, וווּ ס׳בליט דער האס,
און ווו עס ליגט פארפייניקט דאס מענטשלעכע געוויסן.

און ווען דאס לעבן וועט אנהויבן אין מיר פארגיין,
וועל איך א מענטשן בעטן צום „פרידהאף״ מיך דערפירן,
זאל ווינטל-ווינט פארטראגן אהיים א ניט דערוויינט געוויין,
קאלט און פרעמד וועל איך דא שטיין נאך שטיין באריר ן.

און בענטשן כ׳וועל דעם טויט, דעם טונקעלן פארלענדער,
און בענטשן אויך די ווערים, וואס גראבן דורך די ערד,
דייטשלאנד, ווייס, כ׳ביז ניט קיין מענטשן-שענדער,
כ׳ביז דער יתום בלויז, וואס טראגט דיין שווערד,

און דאן ווען איך וועל אויסגיין נאמענלאז און פרעמד,
זאל מען מיך דא באגראבן און צושיטן מיין גרוב,

כ׳וועל יעדע נאַכט אַרויסגיין אין אַ ווייסער העמד,
און קלאַפּן אין די טירן און גיין פון שטוב צו שטוב.

,איר האָט געהאַט אַ היימע און איר האָט אים פאַרטריבן,
איר האָט געהאַט אַ מאַרקס און איר האָט אים פאַרדאַמט,
איך בין אַ פרעמדער ייד, כ׳האָב ניט פאַר אייך געשריבן,
איך האָב זיך בלויז מיט אייער האַס מיין ליבע אָפּגעסמט.׳

,איז צאָלט פאַר אַ פאַרסמטער ליבע, פאַר פוסטע הויפן,
פאַר טויטע מאַמעס, פאַר ברידער אויסגעבערענט,
פון יעדער שוועל וועל איך צו אייך אנטקעגנלויפן
און ווייזן אייך די מאַנענדיקע הענט׳.

אַ, גאָט, מיין גאָט, גיב כוח מיר מיין וועג דערגיין
און כוח דורכטראָגן די לאַסט פון האַס און פיין,
כ׳בין מיד, כ׳בין פול מיט יאָרן און געוויין,
טאָ זאָל מיין לעצטער ווילן דיין ווילן אויכעט זיין.

# דער שוואַרצער יום־טובֿ

אַלע פירער פון דער וועלט לאַד איך היינט איין,
און אַלע לצים און אַלע מעסערשטעכער,
עס רויטלט זיך אין פלעשער דער אַלטער וויין,
און קראַען קראַקען אויף אַלע קלויסטער־דעכער,
מיר הענגען היינט געהאַנגענע צום צווייטן מאָל
און לאַכן מיט אַ פריילעך און זאַרגלאָז קול
און זינגען זיך אין צווישן דאָס נייע לידל צו:
שלאָף, וועלט־וועלט, שלאָף איילינקע ליו,־ליו.

ווען ס׳איז פאַרברענט געוואָרן איז איצט שוין אַש,
ווען ס׳איז געהאַנגען אויף אַ תליה איז איצט שוין שטום,
אַש און שטומקייט באַצירט די רויטע פלאַש
מיר טרינקען פאַרן מעסער, וואָס גרייכט איצט אומעטום.
און פאַר די טויטע געטער מיר ציען אונזער הוט,
און אַלע שטראָפנדע נביאים מיר צוואָגן אויס אין בלוט
און מורמלען זיך אין צווישן דאָס נייע לידל צו:
שלאָף, וועלטל־וועלט, שלאָף איילינקע ליו־ליו.

ווען ס׳וויל אין גרויסע זאַכן ווייטער גלויבן,
זאָל פאַרן גלויבן באַצאָלן מיט זיין שיינעם קאָפּ,
צו אונז געהערט די ערד, צו אים דער הימל אויבן,
מיר נעמען צו זיין לייב, זיין גייסט מיר לאָזן אָפּ,
און מיטן טויטן קערפּער מיר טאַנצן דורך די גאַסן,
און לערנען אונזער קינד, די קונסט פון קענען האַסן.
און זינגען זיך אינצווישן דאָס נייע לידל צו:
שלאָף, וועלטל־וועלט, שלאָף איילינקע ליו־ליו.

ווען ס׳קען אויף שנעל פאַרראַטן זאָל צו אונז קומען,
מיר לאַדן אַלע מערדער און אַלע מוסרים איין,

לאָמיר היינט טאַנצן, ברידער, פּעסט ארומגענומעץ
אַלץ פארגייט, בלויז מיר, מיר וועלן אייביק זיין.
טאָ לאָמיר אויך די אייביקייט אריינציען אין אונזער קרענצל,
און כאַפּן פאַר איר כבוד איבעראַנייס א טענצל,
און זינגען זיך אינצווישן דאָס נייע לידל ווידער,
וועגן וועלטל-וועלט און וועגן שווארצע ברידער.

היי, לוסטיק, לוסטיקער חברה אונטערצינדער,
כ׳בין היינט אַ ברודערל דאָ צווישן אייך,
כ׳האָב ניט דערהיט א שטאָט מיט קליינע קינדער,
און בין אין מיין געפאַלנקייט צו יעדן גלייך,
ביז ס׳ווייזט זיך ניט אין ווייטן דער ליכטיקער באַגינען
קען איך פאר מיינע וויצן א מערער-קוש פאַרדינען,
און פאַר מיין נייסטן לידל כ׳בין ווערט צען גאָלדן-שטיק,
ווייל ס׳ליגט אין יעדן וואָרט מיין אויסגערונען גליק.

און ווען עס וועט באַגינען די וועלט אויף ראָז פארפארבן
און איר וועט דאַן זיך כאַפּן, אַז איך טויג ניט פאַר אייך,
וועט איר אַ פאַלשן מערדער קענען צווינגען שטאַרבן,
צען טריט פון מיינע טרעפּ גייט דורך א גרויסער טייך,
איר וועט מיך קענען בינדן און אויסלאכן די טרערן,
איך האָב געוואָלט אַ מערדער זיין און ניט געקענט עס ווערן.
איר וועט מיך קענען שטעכן און זינגען זייער הויך
און טאַנצן ארום מיר און קלאַפּן זיך אין בויך.

און דאַן איז אַלץ שוין פּשוט, איר וועט מיך אין אַ זאַק פאַרנייען,
און אים צעוויגן ברייט און פליוך אין טייך אריין,
כ׳וועל שרייען פון דעם וואסער און דאָס וועט אייך דערפרייען
און יעדער פרייד ווערט דאָפּלט, ווען ס׳טריפט אויף איר דער ווייַן.
וועט איינער פון אייך זאָגן: דער ייד איז גאָר נישט שלעכט,
ער האָט פארגעסן בלויז, אַז מאָרדן האָבן מיר נאָר רעכט
און דאַן וועט ער פאַרציען א לידעלע פון רעכט און רו:
שלאָף, וועלטל-וועלט, שלאָף איילינקע ליו-ליו.

# איבער יאָסעלעס שטיבעלע שטייט א דייטש

איבער יאָסעלעס שטיבעלע שטייט אַ דייטש,
וואָס שרייסטו, קינד, ר׳איז דאָך אַ מענטש ווי אַלע,
ער האָט אַ שטוב, טיר און פענסטער,
און ערגעץ ווייט, ביים בלויען ריין — א כלה.

וואָס קלאָגסטו אין מיין אומגליק מענטשעלע,
פאַר אים האָט געטע גרויסע ווערק געשריבן,
דאָך דיך האָבן נביאים, ווי שטיינער הוילע
מיט קללות דורך מערקלעך פינסטערע געטריבן.

אַ מענטשלעך הארץ איז שווער איבערצוטראָגן,
עס שטעכט מיט תפילות דורך דאָס לעבן,
אים אָבער האָט אַ ווילער וואַלד-גאָט,
בלוט און לייב און ערד געגעבן.

דיין טרוים מאַכט טונקעלער זיין בלוט,
זיין לייב ווערט פון דיין חלום מיד,
דערפאַר שלאָגט ער דיך אויף זיין ערד,
אַ שפּיי אויף זיינע ליפּן איז ס׳ווערטל: ייד.

אַ. ווייך ניט, ר׳איז גוט דערצויגן,
אַ דאָקטאָר און א מוזע מוזיציסט,
דאָך דו ביסט בלויז אַ קינד פון גרויע שיך,
וואָס גראָבלען גאָט אין קברים און אין מיסט.

וואס איז דער ווערט פון אט אזא מין גאט?
ר׳איז דאך אליין א בעטלער נאמענלאז און בלינד,
וואס איז דען ווערט זיין שמייכל און זיין טרער,
ר׳איז דאך אליין דאס שוואכסטע קינד?

א, שריי ניט, שריי ניט, די נאכט איז לאנג,
דער דייטש שפאנט איבער אונזער דאך,
דאס וועלדל שלאפט, דער רעגן טריפט,
און יעדער טראפן זיפצט שטיל אין אונזער שפראך.

כ׳רעד נאך דעם רעגן און אויך דעם בלויען ווינט,
כ׳רעד נאך דעם שייבל, וואס קוקט קליין און פוסט,
פארוואס איז מיר באשטימט אויסגיין יעדן טאג,
פאר אזא טאג וואס איז נאך קיינעם ניט באוווסט?

פארוואס דארף איך אויף קברים שלאפן,
פארוואס שלינגט מיך קיין קבר ניט אראפ,
פארוואס איז מיר מיין ברויט פארמישט מיט בלוט,
פארוואס הענגט אונטער יעדער תליה דער שאטן פון מיין קאפ?

פארוואס? פארוואס?, כ׳בין מיד צו וויסן,
דאס וויסן ברענגט בלויז די נאראנים פרייד,
דער דייטש האט אויפגעהערט איבערן קאפ צו שפאנען,
ווי רעגן טראפנס פאלן רייד, נאך רייד.

א וויין ניט, א דייטש איז דאך א מענטש,
קיין מענטשן זענען בלויז ניט איך און דו,
ס׳איז יארן טויזנטער די וועלט א בייזער וואלף,
און מיר, מיר לאזן די בייזקייט ניט צו רו.

## מיט זיך אליין

אויף מיינע שטיגן יאָמערן די בוידעם-קעץ,
די נאַכט שוימט אויף אין גלאָז, ווי שוואַרצער וויין,
איך ליג אַליין, דער חשבון איז געמאַכט,
און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם רינט אויס דער זיין.

עס שטרעקט די האַנט זיך צו ערגעץ דאָרט אַ ווייסקייט,
דאָס אויג פאַרשליסט זיך אין שרעקן פאַרן טויט,
איך האָב דערקענט די קרייציקונג פון גאָט,
און די חרפה פון עסן נאָך דעם ברויט.

וואָס כ'האָב געזאָגט האָט קיינער ניט דערהערט,
איך האָב די שטראָף שווייגנד אָנגענומען,
כ'האָט מיך די בענקשאַפט צוביבערלעך פאַרוועבט,
און כ'בין אַוועק פאַר אַלע ליבעס אָפּצוקומען.

נאָר אַלע מיינע ליבסטע ליגן אויסגעשאָסן,
טראָג איך מיין לעבן — א דערנער לאַסט,
דער רויטער אוונט גייט נאָך אין מיינע טריט,
און ס'ווינטל פון מיין יוגנט פליט און שפּאַסט.

קאָרן-פעלד, פלויטל ביי מיין וועג,
קענסטו פאַרשטיין פון זיין אַ מענטש דעם זין?
די קינדהייט מיינע איז דאָך אַ שויב פול טוי געווען,
די יוגנט — פון גראָז דער ערשטער גרין.

נאַר שפּעטער האָט ווער די שויב צעהאַקט,
און ס׳טויאיק גראָז פאַרשפּריצט מיט בלוט,
ס׳איז דאָ אַ שרעקלעך וואָרט, עס הייסט: דייטש
ווער ס׳קען זיין טייטש האָט פאַרן לעבן ניט קיין מוט.

שוועל פון קינדער-שטיבל, טרעפּל צו דער בוידעם-טיר,
כ׳רייד היינט צו אייך, ווייל איר האָט אַלץ געזען,
וואָס איז דער זין פון גרעסטן גלויבן,
אויב ס׳מוז דעם בעסטן גלויבער, דאָס ערגסטע שלעכטס געשען?

אַ וואָרט, וואָס האָסט מיך אַלט געמאַכט און מיד,
פאַרצי מיך ניט אויף שאָטנדיקע, שטילע וועגן,
איך בין אַ מענטש, וואָס איז דער זין דערפון,
איז מענטש בלויז חיה, וואָס האַלט זיך אין איין פרעגן?

איז מענטש בלויז מאַנער, וואָס קען קיין ענטפער ניט באַקומען?
איך פאַל פאַר אַלע פראַגעס, ווי אַ קנעכט,
די בייזקייט פון מיין בלוט האָב איך באַנומען,
דאָס קעגן בלוט און לעבן כ׳מוז זיין גערעכט.

דער זין פון רעכט איז דאָך דער ווילדסטער זין,
אים צו באַנעמען איז מיר דאָ ניט געגעבן,
כ׳בין מיד פון בלינדקייט, פון בלינדן צער,
ווי פון אַ שפּאַלט, דער ווייז, רינט אויס דאָס לעבן.

# באַלאַדע

אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך,
אויפן דאך — אַ נעסט,
און אין שטוב ביים גרויסן טיש
זיצן פרעמדע געסט.

ס'קלינגען טעלער, ס'קרעכצן שטולן,
אויפן וואַנט דער זייגער שטומט,
דורכן טויער פון דער שטאָט
אוונט לאנגזאם קומט.

דרייען קעץ זיך פאַר די שוועלן
אויף די שוועלן זיצט דער טויט,
אויפן בוידעם שלאָפט דער דאד
מיטן אָוונט-שיין פארבלויט.

לאַכן געסט מיט פרעמדע שטימעס,
אין די בעכער בלעזלט וויין,
ביטער וויין מיט בלויע אויגן —
טרויעריקער אָוונט-שיין.

זאָגט איין גאַסט: ליבכען, האנס,
זינג דאָס וועסעל ליד,
נעם לאַנגן מעסער, זינג,
און פון פרעמדן ייד.

פאַלגט אים האַנס און שטעלט זיך אויף
זײַנע ליפּן מײדל שײן,
כאַפּט זיך אויף דער אַלטער דאַך
האָרכט און קען גאָרניט פאַרשטײן.

כאַפּט זיך אויף אין נעסט דאָס פויגל
פויגל פלאַטערט אויף און גאַפט,
איר די אַלטע עפּל-בוימער,
טריקנט אויס דער זאַפט.

הויבט דאָס פויגל אָן צו קלאָגן
רופט די שטערן בײַ די נעמען,
רופט די ווינטן אין די בערג
דאָס געוויין פון טויט פאַרנעמען.

קען ניט האַנס זײַן ליד דערזינגען
פויגל שרײַען גלײַך ווי ייִדן,
גײט ער אויפן גאַס אַרויס
צילט — און בלײַבט צופרידן.

אויפן בוידעם וואַכט דער דאַך
וואַכט מיט רויטע פלעקן,
און אין נעסט א פויגל שלאָפט,
שלאָפט ניט צו דערוועקן.

## דער בלינדער פויגל

— ,איז א פויגעלע געפאַלן,
און די פליגעלעך צעבראָכן,
איז אַ מענטש געקומען
און די אויגן אויסגעשטאָכן.׳

— ,וואס־זשע וויינסטו ייִנגעלע,
ס׳איז שוין לאַנג געשען?׳
— ,מאמעלע, איך וויין,
ווייל כ׳האָב דעם מענטש געזען׳

— ׳ר׳איז ביים טיר געשטאַנען,
און געבעטן עסן,
כ׳האָב אים ברויט געגעבן,
ר׳ האָט זיין פעקעלע פארגעסן׳.

— ,האָבן אויגעלעך געקוקט,
האָב איך שלאָפן ניט געקענט,
כ׳האָב דערזען ביינאכט,
בלוט אויף מיינע הענט׳.

— ,בין איך פרי אין גאַס ארויס,
כ׳פעקעלע גענומען,
איז אַ פויגעלע א קליינס,
אויף מייַן וועג געקומען׳.

— ,ביסטו בלינד, פויגעלע,
כ׳קען דיר אויגן געבן...
ענטפערט מיר דאָס פויגעלע,
כ׳וויל אַ בלינדער לעבן׳.

— ,איז מיר אומעטיק אזוי,
ווייל ס׳קוקן אויף מיר אויגן,
ווייל ס׳איז דער מאַן אַוועק,
ווייל ס׳פויגל איז פאַרפלויגן׳...

# טאַנץ

מיר בויגן זיך רעכטס, מיר בויגן זיך לינקס,
מיר דרייען זיך רונד און ארום,
דער דיל איז העל־רויט, דער באַלקן איז ווייס,
אוןביידע ליגן זיי שטום,

מיר טאַנצן, מיר טאַנצן, מיר טאַנצן,
די פענסטער ווי ראָבן קרייזן ארום,
דער סאקסאפאָן וואַיעט ווינטיק און זיס,
דער פויק גיט אַ פּאַק אונז מיט שווערן געברום,

אך, מיין געליבטע, ווייס־ווייער טרוים,
פרי־פרילינגס פריידי, זילבערנע נאַכט,
איך האָב מיט פינגער, ווי שליסלען קרומע
די טירן צו דו זיך אויף אייביק פאַרמאַכט.

איך טאַנץ און דו לאַכסט אין מיר איצט אריין,
איך דריק זיך צו פעסטער, מיר בויגן זיך איבער,
איך זינק אין דיין אויג אראָפּ ווי אין תהום,
און זע ווייסע ביינער און שלאָפנדע גריבער,

איך קלאַמער זיך איין אין דיין מעכטיקן לייב,
איך קוש דיך ווייענד און וויל דיינע טרערן,
ניטאָ מער קיין ווערטער, עס לעבן בלויז קלאַנגען,
מיר דריקן זיך פעסטער און הערן און הערן.

מיר טאַנצן, מיר טאַנצן, מיר טאַנצן,
דיין בלוט־רויטע קלייד איז היינט מיר א פאָן,
איך בין איר ריטער און פול איז מיין האַרץ,
מיט געוווי און געוויי פון דעם סאַקסאָפאָן.

באַלד וועלן מיר טרינקען, זאָל קלאַגן די נאַכט,
זאָל אומעט, ווי מעסער אונז שניידן,
די פידל האָט עפּעס א מענטש אויסגעטראַכט,
אָבער ווער האָט פאַרטראַכט די ליידן?

דאָס לעבן איז רויט, ווייס דאָס פאַרשטיין,
דאָס לעבן איז בלוט־שטראָם, וואָס וויינט,
כ'בין דאָס וואָס איך האָס און דאָס וואָס איך ליב,
נאָר ניט דאָס, וואָס איך האָב אויסגעליינט.

אָ, איך ליב, אָ, איך ליב די צונט־רויטע זון,
און ליפּן און קרעלן און קרוינען פון הענער,
מאָן אויפן פעלד און שטאַרקער פון אַלץ,
געשריי און געהויל פון בלוט־רויטע פענער.

מיר טאַנצן, מיר טאַנצן, מיר טאַנצן,
דער צייכן פון מענטש — איז צייכן פון וווּנדן,
ווען קושסט מיך ליבסטע, ווייס,
כ'וועל אַמאָל זיין אינגאַנצן אין ווייסן פאַרבונדן.

דערפאַר טאַנץ איך איצט זיך שטיקנד פון פרייד,
א בענקשאַפט מיינע נאָך גליק,
מיר טאַנצן און טאַנצן א שרעקלעכן טאַנץ,
פאַרבונדן מיט טונקעלע שטריק.

דיין קערפּער ברענט זיך אין מיינעם אריין,
און ס'ווערט מיר אַן אָפּגרונט דער גליטשיקער דיל.

איך טאַנץ און טאַנץ פון אַלעם אַרויס.
אַנטלויפן פון זיך — דער איינציקער ציל.

אַ, פינסטערע וועלט, איינזאַמע הינט,
לאַמטערנעס, בוידעמס און ראַגן,
כ'בין מיד אַזוי מיד פון בעטלעך און וועגן,
און מיד, מיט זיך אייביק שלאָגן.

מיר טאַנצן, מיר טאַנצן, מיר טאַנצן,
ביז נאַכט וועט אויף מערב פאַרגיין,
דער פויק, דער ווייסער וועט געבן אַ זיפץ,
און האַלבן פאַ מירן בלייבן דאָן שטיין.

# מלחמה־באַלאַדע

## I

איבערן גרינעם גאָרטן פליט א שוואַרצער עראָפּלאַן,
די בוימער בליען אפילו אין קריג,
אַ קינד צעוויינט זיך פלוצלונג: מאַמע,
און די מאַמע פאַרדעקט מיט איר לייב די וויג.

ערגעץ ברענט אַ ניט דערבויטע, רויטע שטוב,
ערגעץ הענגט אויף אַ שטריק אַ מאַן,
בוימער בליען אפילו אין קריג,
און דערפאַר זענען אַזויפיל בלעטער פאַראַן.

— אויב איך וועל שטאַרבן — זאָגט זשאַן צו דער פרוי
ער שטאַמלט און ווייסט ניט, וואָס צופילן.
ער שטייט אויפן שוועל, ער גייט אין קריג,
און די הינט ביים פענסטער בילן און בילן.

— ווערסט קומען מיין מאַן, וועסט קומען צוריק,
פון דערווייטנס דערפליט אַ פייף פון אַ באַן,
די שוועל און די טרעפּ האָרכן און שטומען,
עס רוישט בלויז אין ווינט דער עראָפּלאַן.

## II

— מאַמע, פאַרוואָס קומט דער טאַטע ניט מער,
און פאַרוואָס האַלט דער שכן דיין האַנט אין זיין האַנט?
— שלאָף, קינד מיינס, דער טאַטע וועט קומען געוויס,
און דער שכן קומט, ווייל מיר זענען באַקאַנט.

דער גאָרטן פאַרבליט, דער שכן לאַכט העכער,
— מאַמע, מאַמע, איך וויל ניט זיין לאַכן,
— קינד, ווען דער טאַטע וועט קומען צוריק,
מיר וועלן די טיר אויף אַ שלעסל פאַרמאַכן.

דער שניי פאַלט, ווי ווייסע שטיקלעך פאַפיר,
און דעם טאַטנס בריוו ווערן פאַרגעלט,
דאָס קינד וואַקסט שטיל מיט טונקעלע אויגן,
און אין פענסטער זינגט די אומענדלעכע וועלט.

# III

דער שכן האנדלט מיט הערינג און פיש,
און דערפאר איז געזאלצן זיין רונדלעכע האנט,
דער טאטע בענקט נאך ערגעץ א היים,
און דערפאר פאלט ער טויט אין שכנישן לאנד.

דער פרילינג קומט ווידער, דער גארטן בליט ווידער,
דאס ייִנגל כפלט שוין צען מאל צען,
די מאמע זינגט לידער פון שכורע ים־לייט,
גלייך קיין טאטע וואלט קיינמאל דא ניט געווען.

— מאמע, איך וויל ניט דעם ים קיינמאל זען,
די מאמע לאכט און דער שכן לאכט מיט,
דאך אין טאג ווען דאס לאנד באוויינט אלע טויטע,
גייט די מאמע איז קלויסטער מיט געבראכענע טריט.

זי וויינט און זי פאלט צום געפלאסטערטן דיל.
דער זון קוקט אויף איר און קען גארניט פארשטיין:
— מאמע, אויב וויינסט נאכן טאטן אזוי,
פארוואס קומט דער שכן יעדער אוונט צוגיין?

— שווייג, קינד, זאל רואיק דער טאטע דארט ליגן,
שווייג, זון, ס׳קען דער טאטע דערהערן נאך דיך,
נאר דער זון קוקט מיט גרויסע, טונקעלע אויגן,
און ער רופט דעם טויטן טאטן צו זיך,

## IV

ביינאַכט טאַנצן בוימער, ווי ריזיקע שפּינען,
עס וואַרפן זיך צווייגן, ווי קרומלעכע פיס,
דער זון איז וואך, ער רופט און ער רופט
ווען מען רופט אַ טאַטן קומט ער געוויס...

ער קוקט און עס עפנט זיך לאַנגזאַם די טיר,
אַ מאַן איז ווייסן שלייכט פּלוצלונג אריין,
— ביסטו מיין טאַטע? — שטאַמלט דאָס קינד.
און דער פרעמדער זאָגט: כ׳וויל אַ טאַטע זיין...

דאָס קינד קוקט שטיל אין פאַרלאַשענע אויגן,
און דער פרעמדער זאָגט: כ׳האָב אַ קינד זיך פאַרטראַכט,
באַר די וועלט האָט אַ גרוב מיר געשאַנקען בלויז,
ליגט מיט מיר דאָרט אַ מויז — די אייביקע נאַכט.

ער דערציילט נאָך פיל זאַכן, ער רעדט זייער לאַנג,
דאַן טאַפּט ער אַרום דאָס קינד מיט די פינגער,
אין צווייטן צימער לאַכט דער הערינג-קרעמער,
און ער זינגט עפּעס צו, ווייל ער איז אויך אַ זינגער.

וויגט אַ טויטער זעלנער צום געזעגל אַ קינד,
ליגט אַ נאַקעטע פרוי מיט וועלקנדע גלידער,
און דער דיכטער איז ניט מער, ווי אַ דיכטער,
צום לייד פון מענטשן טראַכט ער צו לידער.

# דאָס רויטע שנירל

אזויפיל האָבן מיר פאַרמאָגט און אַלץ איז מיטן רויך אַוועק.
פאַר אָרעמע זעט אַלעמאָל די וועלט נאָך פרעמדער אויס,
מיר שמייכלען, און זינגער לידער, מיר נאַרן אָפּ די שרעק,
נאָר פון די שמייכלען און פון די לידער קומט קיין זאַך ניט אַרויס.

ניטאָ קיין ליד, וואָס קען די איינזאַמקייט באַזיגן,
ניטאָ קיין שמייכל, וואָס שטויסט צוריק דעם שטראָם פון נעכט,
מיר פּרוּוון ביי פרעמדע בעטלעך זיך פאַרוויגן,
ס׳איז דאָ אַ שטראָף, די ערגסטע שטראָף, אייביק זיין גערעכט,

מיט קרומע וואַסער-ברעגן מיר שלייכן ביז מיר ווערן מיד,
דאַן רוען מיר אין גאָרטן אויף אַ פאַרלאָזטער באַנק,
אַ פויגל איבער אונז פאַרציט אַ אַוונט-ליד,
און פון דעם ליד און פון דעם אָוונט ווערט יעדער מער נאָך קראַנק.

אַמאָל אין ווינקל טויער, אין גאַסן-רויש, אָדער ביים פּלויט,
קומט שטיל א פרוי אַרויס און פרעגט וואָס איז געשען?
זי פרעגט ניט צוליב ליבשאַפט, דאָס איז איר ברויט,
נאָר מיר זענען אַן געלט, און מאַכן זיך דערפאַר ניט זען,

ס׳איז דאָ אַ שוועל, ס׳קען יעדער זי אין פוילן אָפּגעפינען
אויף אָט דער שוועל האָט שטיל א קינד זיין טרוים פאַרטראַכט,
נאָר קינדער-טרוימען מוזן ביים ערשטן ווינט צערינען,
אין יאָרן צען אַרום האָט אויף דער שוועלט א דייטש געלאַכט...

ס׳געלעכטער פון דייטש קען קיינער ניט פון אונז פארגעסן.
מיר שלאפן מיט אים איין באנאכט און וואכן אויף באגינען,
אין פוילן זענען ווערים דא, זיי קענען מתים פרעסן,
און פון די ווערים און פון די מתים גייט יעדער שטיל אראפ פון זינען,

ווער דארף דאס ווארט פון זינלאזע, נו ווער?
ווער דארף דעם גלעט פון פינעגר אונט-פארבלויטע?
אז דעם איז אויך צו לעבן, די לעבעדיקע שווער,
דאך שווערער נאך, פיל שווערער, איז ס׳לעבן פון פיל טויטע.

דערפאר ווילן מיר טרייסטן יעדן, וואס לעבט באגראבן,
אין אסוויענצים אין סאביבור און אין לובלין,
נאר אויף צו טרייסטן דארף מען דאך בלינדע אויגן האבן,
אדער אזעלכע וואס דערזעען דאס געטלעכע אויך אין דער שפין.

סא ווזשע נעמט מען אט די אויגן, ביי וועמען נארט מען זיי ארויס.
מיר גייען איבער וועגן פארקוקט אין שטויב אין זאמד און שטיין,
ווי א שנירל בלוט רינט ס׳לעבן פון אונז אויס,
ווער ס׳וועט דאס שנירל אפזוכן וועט זען אונזער פארגיין.

# איך האָב געזען זיך שטאַרבן

וי קום איך צו זינגען, פון וואַנעט, מיין קינד?
א. רייזען.

איך האָב געזען זיך שטאַרבן מיט הונדערט שווערע טויטן,
און ווידער ברויט געגעסן, ווען ס׳האָט אין פענסטער אויפגעטאָגט,
געוועדט מיט גאָט אויף יידיש, געשלאָפן אונטער פלויטן,
און צווישן שטיינער און קרומע שוועלן א לעבן דורכגעיאָגט.

דערפאַר, פשוט דערפאַר באַקומט זיך ניט מיין לאַכן,
און ווען איך טאַנץ הענגען ווי טויטע פליגלען מיינע הענט,
אַ טיר קען יעדער קינד גאַנץ לייכט פאַרמאַכן,
אָבער מען מאַכט ניט צו קיין אָפגעהאַקטע ווענט.

ווי קען איך דען עפּעס פון זיך פאַרבאַרגן,
אַז ס׳איז אויף מיר צעפאַלן דאָס לעצטע קלייד?
ביים האַלדז בלויט זיך א צייכן — דאָ האָט מיין האַנט געוואָרגן,
ווען כ׳פריי זיך איז בלויז אַ שלעכטער קונץ מיין פרייד.

צו זיין אַ דיכטער איז אפשר גאַר אַ גוטער פאַך,
מען שלאָפט ביז שפּעט און מען ראַזירט זיך ווען מען וויל,
ס׳איז שרעקלעך בלויז אמאָל ביי טאָג זיין דאָפּלט וואַך,
און שרעקלעך איז דעם פּחד צו טראָגן אָן שום ציל.

געווים, אַ פּערזלער קען פאַרגלייכן זיך צו פויגל און צו בלומען,
און פּרויען ליבן ניט קלערנדיק פון קינדער,
דאָס מוז מען יעדער יאָר אויף אַלטע ערטער קומען,
און ס'לעבן ווערט דאָן ניט קיין וועג, נאָר בלויז אַ קרייז אַ בלינדער.

און דאָן ווערט אויך פאַרטונקלט אין מויל די שפּראַך,
מען רעדט צו זיך אַליין, נאָר ס'וואָרט מאַכט גאָרניט קלאָר,
דער הימל ברעכט זיך איין, ווי אַ צעוויגטער דאַך
און אַלץ איז וואָר און קיין זאַך איז שוין מער ניט וואָר.

אַ, כ'קען עס גוט, כ'בין דעמאָלט קיינער און יעדער איינער,
איך פאַל און הויב זיך אויף, כ'פאַרשווינד און לעב זיך איבער,
איך בין די נאַכט, אַ ווייסער אויג, אַ קופּע שלאָפנדיקע ביינער,
כ'בין דער וואָס זינקט אַראָפּ און היפּט דורך זיך אַליין אַריבער.

צעטיילט אויף טויזנט טיילן דריי איך זיך אין דער לופט,
ביז עמיץ זאַמלט מיך צונויף און זאָגט: זאָלסט זיין!
איך וואַך דאָן אויף, דער עמיץ מאָנט און וויינט און רופט,
און איך דערפיל מיין איך — אַ פינטל פיין.

דערפאַר, פּשוט דערפאַר באַקומט זיך ניט מיין לאַכן,
און ווען איך טאַנץ הענגען ווי פליגלען שוואַרצע מיינע הענט,
איך קען די בעסטע שמייכלען צו מענטשן מאַכן,
ווייל כ'האָב דעם לעצטן עלנט שוין פון לאַנג דערקענט.

## מיין ליד

די רו פון זאטע איז ענלעך צו א פעטער מויז,
און זייער שרעק, צו אויסגעהאקטע, ברייטע שויבן,
פון פריסטער יוגנט קען איך דעם הונגער בלויז,
דעם אלטן, הפקר-גאסט וויל קיינער מיר ניט רויבן.

בין איך א ניט געזעטיקטער פון שטערן און פון תהום׳ען,
פון מוטער-שמייכלען און פון אונט-גייסטער,
דאס הארץ אין לייב — א בענקנדיקער זאמען,
גיי איך מיר דורך דער וועלט א ווילד-צעשפרייזטער.

זאל קרימען מיטן נאז דער גביר אויף מיינע הויזן-לאטעס,
און זאל כיכיקען איז מיין רוקן דער גאסן-קערער,
איך בין א זאמלער פון געלע בלעטער — גאטס שמאטעס
און בין קעגן זיין וועלטל דער טונקלסטער פארשווערער.

די רו פון זאטע געגעצט מיך אויף ווייכע שטולן,
און זייער פרייד טענצלט-טאנצט אויף דינע, אדערדיקע פיס,
דאך איך האב ליב מיין גאט דעם קאפ מיט קללות צו פארדולן,
ווי וועלף וויל יעדערער פון אונז אפשטעקן א גוטן ביס.

פארפאלן, אין בייסן איז ער פון מיר געניטער, כ׳ווער מיד,
איך פאל אוועק און פון דער בלאטע כ׳שעלט לאנג און הויך,
דערפאר געשעט אזוי, אז כ׳טראג אין הארץ א שווערע ליד,
און דער זאטער מאן א שווערן בויך.

# דורך אַ שפּאַלט אין הימל

# א שפּאַלט אין הימל

א ריס אין דיינע הימלען — א ריס אויך אין מיין לייב,
די בלינדע פינגער נישטערן דעם זין פון אַלע שניטן,
דאָס לעבן איז דאך ניט קיין לייכטער צייט־פאַרטרייב,
איך בין ביים סוף בלויז דאָס, וואָס איך האָב דורכגעליטן.

פון אַלע וואונדן גלאָצן פאַרטערטע, רויטע אויגן,
דאך פונם הימל־שפּאַלט — א שלעפעריקער פּאָס,
דו, וואָס האָסט מיך אויף דער ערד פאַרצויגן,
פאַרצי א שטריק און קום אויף אונזער גאָס.

ביסט האר פון לעבן מיינעם און האר אויך פון מיין טויט,
דאך פריי איז מיין באַצווייפלען, ווי ס׳איז אין פעלד דער ווינט,
צי וואָס האָט דיר מיין וואָגל און בענקשאַפט אויסגעטויגט,
אויב ס׳איז דעם מענטשנס לעבן קלעפּנדיקע זינד?

דער תליון האָט מיין געסל אין צוויי טעג אויסגעהאַנגען,
איין מויז איז דאָרט געבליבן, לויפט זי דורך די נעכט,
די מויז בין איך. איך לעב אין ווערטער־קרייז געפאַנגען,
און מאָן און מאָן פאַר אַלע מייז א רעכט.

א גאָט, פאַרשטעק זיך ניט אונטער אַ פעטער כמארע,
כ׳איז אויפגעריסן הייגט דיין הימל, ווי אַ זעלנער העמד,
אין מיר איז דאָ דער יאָמער פון טויזנט און איין נארע,
מיין לעבן האָט דיין גרויסקייט אויף אייביק שוין פאַרשעמט.

זע: אָט איז מייז העפט, מיין ברויט, מיין טויטע מאַמע,
דער מערדער, דאָס מעסער און סתם א פלעשעלע פּערפום,
דו ביסט דער פאַרפאַסער פון דער באַנאַלסטער דראַמע,
טאָ וואָס־זשע גלאָצטו פון דעם הימל טרערעדיק און שטום?

באַהאַלט פֿאַר זיך די טרויערן און רעגן־בויגן שפּילערייען,
קום אויף מיין גאַס און וואַלגער זיך אין שווארצן מיסט.
דעם אומגליק פֿון דער וועלט דאַרף מען ווי ברויט צעקייען,
פֿארשוועכט האָסטו דעם מענטש נאַריש און אומזיסט.

מענטש צי גאָט. ווער איז געזונקען מערער?
איך שעם זיך לעבן, שעמסטו זיך פֿאַר דיין זונען־שיין?
אויב דו וועסט מיר פֿארגעבן, וועט זיין מיין האַס נאָך שווערער,
מחילה דאַרפֿסטו דאָך בעטן פֿאַר אונזער פּיין.

דו קענסט מער ניט אַנטרינען, דיין הימל ליגט אין פּאַסן,
און כ׳זע שטיקער פֿון דיר, ווי אין אַ שייבל זיך אַליין,
א בוך קען יעדער שמירער אין גרינעם שווייס פֿארפּאַסן,
דיין שמירעכץ כ׳האָב אין בלוט געלערנט זיך פֿארשטיין.

איך גיי מיין וועג, דיינעם כ׳האָב פֿון לאַנג פֿאַרגעסן,
אַליין זיך צערטלען ביז חלשות איז ניט לויט מיין געשמאַק,
אויב ס׳איז צוגעטערן דיר אויך שוין צוגעגעסן,
קום אַראָפּ פֿאַרכאַפּנדיק אַ וואַגלער־פּאַק.

אין אַט דעם פּאַק ליגט דאָך א צויבער־וועלט;
א שטיקל ברויט, אַ העמד, א האַנטוך און א גלויבן,
דעם פּרומאַקס גאַוּוער־דרשה האָט אונזער בענקשאַפט ניט פֿאַרשטעלט.
מיר גייען אַלע וועלטן פֿון רו און שנאָרער־גליק באַרויבן.

דער ערשטער צאַפּלענדער פֿארמעסט — איז קעגן דיר דער בונט,
דער צווייטער — קעגן דעם איינגעגלויבטנס מאַכט.
די ערד געהער צו דעם, וואָס טראָגט די טיפֿסטע וווּנד,
די שטערן — צו דעם, וואָס האָט שטאַרבנדיק געלאַכט.

# די באַלאַדע פון פרעמדער שרעק

היינט זענען שלאנקער אַלע פרויען אויפן גאַס,
און אַלע מענער באוועגלעכער און גרעסער,
די תליה שטייט אין מיטן מארק,
ס׳איילט יעדערער צו זען דעם טויטן בעסער.
די פרויען האָבן צוגעשמירט די בלייכע ליפן,
די מענער אָפּראַזירט די האַרטע האָר,
א ווייסע כמארע שווימט אויף דער תליה.
דער שולדיקער ציילט צוואַנציק יאָר.

מימי, די בלאָנדע קעלער־מיידל,
האָט אין זאַק פּאַררוקט דאָס געלט,
איר חתן מאַקס שפּאַנט לעבן איר,
זי קושט אים,
ווייל מענטשן שטאַרבן אויף דער וועלט.

די קרעמעריין וויל זען דעם טויטנס האַלדז,
מען זאָגט: אים זענען פרויען נאָכגעלאָפן,
זי האָט אַמאָל געהאַנדלט מיט איר לייב,
און מאָרדעט יעדן, וואָס איז מיט איר געשלאָפן.

דער גאַסן־קערער, דער מילכיקער און די דינסט
גייען גיך,
ניט יעדער שטאַרבט דאָך אויף א שטריק,
זיי יאָגט שנעל אַן דער קוימען־קערער,
און אויך דער נאַכט־וועכטער פון דער פאַבריק.
זיי ריידן אַלע און לאַכן און טראַכטן וועגן טויט.

איז טאַקע קיינער אין הימל קיינמאָל ניט געווען?
דער קוימען קערער זאָגט: ׳דער גלח האָט ליב געלט׳
און די דינסט:
׳איך האָב אַ מלאך אין שלאָף געזען׳
׳האָט ער דיר פאַרן שלאָף באַצאָלט׳? פרעגט איינער.
דער צווייטער ענטפערט: ׳זיי צאָלן ניט איך ווייס׳...
און יעדער זעט אַ בעט, אַ טעפּל בלוט, אַ שטיקל העמד,
און ס׳ברענט אַרום דעם האַלדז דער רינגען־שווייס.

דער בוכהאַלטער גייט מיטן לערער האַנט אין האַנט,
׳דאָס פאָלק איז ווילד, זעט ווי זיי שטופּן אונז פאַרביסן׳
דער לערער שמייכלט; ׳אַ הענגנדער דריגעט די פיס׳
׳איך בין געווען שוין אויף אַ שטריק׳
׳נאָר ער האָט זיך צעריסן׳.

אַ לאַנגער אויטאָ יאָגט פאַרביי,
דאָס פאַרן הערן צום טויטן פּלאַץ,
און אויף אַ דאַך פאַרקלאַפּט אַ מאַן אַ פאַן,
זי וויינט און וואַרפט זיך, ווי אַ ווילדע קאַץ.

׳העי, תליון׳,
׳ס׳איז צייט. דער זייגער האָט געשלאָגן ניין׳,
אַרום דער תליה שטייען וועכטער מיט בלינדע פיס,
׳וואָס זאָמט זיך דער, וואָס פגרט היינט?׳
דער עולם רונד אַרום גיט צו דער תליה זיך אַריס.

די וועכטער שלאָגן איבער די פינקלענדיקע אויגן,
׳צוריק, צוריק,׳
דער ווינט שפּילט מיטן שטריק.
די מענטשן ווישן אָפּ דאָס בלוט און וואַרטן,
ס׳איז פינף נאָך ניין,
׳דער יונג האָט ווייזט אויס גליק׳

כ׳איז ניין נאך ניין, ס׳איז צען נאך ניין,
׳ג ע ז ע ץ ! ג ע ז ע ץ !׳
די מענטשן ווארפן אויף די וועכטער טיכלעך בלוט,
׳ווו איז דער יונג׳? די וועכטער טרעטן אפּ.
׳געזעץ מוז זיין׳.
די מענטשן ריידן דאסמאל גוט.

און מיטאמאל צעיאמערט זיך א אויטאָ ווייט,
עס וואקסט דער יאמער אַז,
די מענטשן בויגן זיך שטיל איין,
דער אויטאָ שנייט אריין אין מארק, ס׳קומט ווער ארויס,
אין ס׳מורמלען איבער טויזנט ליפּן:
דער אורטייל וועט ניט זיין.

׳א היים׳, שרייען די וועכטער,
נאָר קיינער האָט היינט ניט קיין א היים,
ס׳האָט יעדער בלויז א שטריק, וואס באַמבלט זיך אין ווינט,
די וועכטער זאָגן: ׳דער יונג האָט זיך פארסמט׳,
נאָר אַלע שרייען: ׳פארוואס זיינט איר געווען בלינד׳?

דאָך ווען די תליה ליגט צענומען אויף דער ערד,
שפּייט יעדערער אויף איר און גייט אוועק,
און אַלע זענען אומעטיק, ווייל ס׳האָט זיי ווער בארויבט,
די פרייד פון פרעמדן בלוט און פרעמדן שרעק.

בלויז יענע דינסט, וואס זעט מלאכימלעך אין שלאָף,
זאָגט: ׳דאס יינגעלע איז שוין אין הימל זיכער׳
דער קוימענקערער ברומט: ׳ס׳איז ווויל דעם נאַר׳
און אַלע איילן געבויגענע און גיכער.

## הער מיך אויס

דער בלויער פלאַם פון אוונט־שניי,
בריט אַפּ דעם שפּיץ פון מיינע פינגער:
די קראַע שרייט אַ לעצט געשריי,
היינט שטאַרבט ביי יידן נאָך א זינגער.

אויף אַלע שוועלן ברענען ליכט,
דער ווינט שפּילט מיט די פלאַמען.
איך טראָג מיין צאנקענדיק געזיכט,
צום קבר פון אַ מאַמען.

איך פאַל מיט פנים צו דער ערד,
דער שניי צעגייט אויף מיינע אויגן,
פאַרשנייד מיך גרויסע מערדער־שווערד,
דער לעבנס־קנויט איז טיף פאַרצויגן...

מיין מויל איז פול מיט אייגן בלוט,
כ׳האָב קושנדיק געלאָזן פלעקן,
כ׳קוש היינט דעם שניי און ס׳איז מיר גוט,
דער וואָלף וועט מיינע טריט פאַרלעקן.

אַ, מאַמע, מיינע, הער מיך אויס:
מ׳רייב מער מיך ניט איבער דער ערד,
די וועגן זענען פיל און גרויס,
נאָר איך בין בלויז דאָך פאַר דער שווערד.

די שווערד ווילן די מענטשן האָבן,
זי גייט אין קרייז פון האַנט צו האַנט.
דערפאַר לאָז מיך דאָ זיין באַגראָבן,
ווו כ'בין אַלס זון געווען באַקאַנט.

די שנאה פון פאַרגלייזטע אויגן,
האָב איך, ווי קריסטוס גוט דערקענט,
ער זיצט בלויז היינט באַקוועם זיך אויבן,
און איך גיי אויס פון קריסטן־הענט.

# איך האָב באַנומען

אין חלום בין אפט געגאַנגען מיט אַן אייזן דורך אַ וואַלד,
נאָר אויף דער וואָר האָב איך פאַרלוירן געוואַגלט דורך די גאַסן,
פון קרומע שווערלן פלעגט אָפט זיך אויסשיילן אַ דין געשטאַלט,
זי פלעגט שמייכלען, און ווען אירע שמייכלען כ'פלעג לידעלעך פאַרפאַסן.
נאָר, ווייל די לידלעך האָבן קיינעם בעסער ניט געמאַכט,
פלעג איך אין מיין חלום מיט אַן אייזן שלייכן דורך דער נאַכט.

און ס'האָט די נאַכט געזונגען מיר אַ שיכור ליד.
און כ'האָב אין שענקלעך פאַרטאַנצט מיין שווערן פּיין,
דער שענקער פלעגט ווילד כיכיקען: ביסט ניט קיין ייד,
און איך פלעג אין מיין אומגליק באַשטעלן נאָך מער וויין.
נאָר אין באַגינען פלעג איך די פרעמדע מענטשן פון זיך יאָגן,
און, ווי אַ פינסטערער מטורף דעם קאָפּ אין בלינדע שטיינער שלאָגן.

און דורכן שטראָמענדיקן בלוט כ'פלעג כאָרכלען: קום, ליכטיק וואָרט,
כ'בין מיד פון שווערן לייב, כ'ביז מיד פון ליפּן און פון וויין,
כ'פלעג וואַרפן זיך אין טייך, דאָן שלייכן פון אָרט צו אָרט,
און דאָרט, וווּ מענטשן ווייגען פלעגט ס'ריינע וואָרט אין מיר אַרייַן,
פון גרויסן וואָרט פאַרפילט פלעג איך צעזינגען זיך אויף גאַסן-ראָגן,
ביזן אַלטע קערער און בייזע וועכטער פלעגן מיך פאַרייאָגן...

און ווידער פלעג איך אין מיין חלום אויפרייסן פאַרלייגטע טירן,
צעברעכן קאַסעס, צעשיטן גאָלד און קליידער זיידענע צעפּליקן,
יעגערס לאַכנדע אין וועלדער טונקעלע פאַרפירן,
ביי זינגער גרויסע, די אויסגעגרויסטע שטים אין האַלדז דערשטיקן.
נאָר אין באַגינען פלעג איך דערוואַכן מיט שווערע טרערן,
פון פרעמדן פּיין, פלעגט מיין פּיין ניט לייכטער ווערן.

און דאָן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז כ׳טויג ניט פאַר דער וועלט,
נאָר לייכטער איז מיר ניט געוואָרן פון אַט־אָ־דעם פאַרשטייען,
איך האָב זיך, ווי א ליץ, פאַר יעדערן פאַרשטעלט,
און האָב געשראָקן זיך פאַר איינס: צו זיין מיט זיך אַליין,
נאָר, ווייל פון זיך אנטרינען איז מיר פאַרט ניט געלונגען
האָב איך צו מענטש און ווינט פיל לידער אנגעזונגען...

איז מענטש געבליבן ווייט און ווינט ניט מער ווינט,
איז נאַכט געבליבן שוואַרץ און טאָג, ווי קרייד־שטויב ווייס,
איז לידל דורכגעגאַנגען די וועלט, ווי א קליין קינד,
און איז פאַראיינזאַמט אויסגעגאַנגען מיט הענטלעך־בלויע אייז.
האָב איך דאָס טויטע קינד מאָדנע ליב באַקומען,
און האָב דאָס לעבן פון די טויטע אין איינזאַמקייט באַנומען...

# אין ציר ק

עס שלאָגן זיך צוויי האַריקע מענער,
אַ דאַמע רייט שטייענדיק אויף א פערד,
אַ מאַן ציט פון מויל גרויסע, שוואַרצע פענער,
א מיידל שפּאַצירט אויף דער שאַרף פון שווערד.
מיר זענען אין צירק.

דער אָרקעסטער שפּילט, פּרויען לאַכן,
הערן פאַרדרייען וואָנצעס ביזן סופּיט,
דער קלאָון וויצלט זיך אין דרייצן שפּראַכן,
די לופט איז ברוין און קלעפּיק, ווי קיט,
מיר זענען אין צירק.

פון גאַס דערפּליט דאָס געוויין פון א גלאָק,
ווי א שטאַרבנדער ראָב שלאָגט דער הימל אין דאַך,
דער געקרייציקטער רייסט זיך אָפּ פון א טשוואָק,
דער קלאָון טוט, ווי א סאָווע אַ לאַך.
מיר זענען אין צירק.

די צוויי האַריקע מענער ווישן זיך דאָס בלוט,
די דאַמע קושט אויס דאָס פערדישע שווייס,
דער שלינגער פאַרשלינגט זיין אייגענע הוט,
דאָס מיידל טאַנצט נאַקעט, ווענט כאַרכלען הייס.
מיר זענען אין צירק.

— אַט, דאָס הייסט געלעבט — שרייט א גרינלעכער מאַן,
— אַ, אַ, — שרייט א פרוי מיט א לאַך אין דער ברוסט,
דער קלאָון פייפט אויס, ווי א יאַגנדער באַן,
דער געקרייצטער פאַרשטיקט דעם רייסנדן הוסט.
מיר זענען אין צירק.

— מיר האָבן בילעטן, זאָל פּלאַצן די וועלט —
פאַרגייט זיך אַ שיכור צעלייגט אויף אַ שטול.
דער קאַסירער פאַרשלינגט די פּעקעלעך געלט,
ווי אַ בלויער באַלאָן ווערט ער גלאַנציק און פול,
מיר זענען אין צירק.

אַ הער אין אַ מאַסקע שיסט אויס און פאַרשווינדט,
צוויי ווייסע הענטשקעס טוען בלענדנד אַ פלאַטער.
די פליטן וואיען, ווי בלינדע הינט.
עס שמייכלט אַ מאַן: ס׳איז אַלץ אַ טעאַטער...
מיר זענען אין צירק.

— אַ, מענטשן גוטע, קוקט אום זיך אויף מיר, —
דער געקרייציקטער שטרעקט צוויי בלייכע הענט.
— ווו איז דיין בילעט? פרעגט אַ מאַן ביים טיר.
דער געקרייצטער טראַכט: ס׳האָט פּילאַט מיך דערקענט.
מיר זענען אין צירק.

— ווו איז דיין בילעט? — פרעגט דער מאַן ווידער איבער,
— דו האָסט ניט? אַרויס, דו קרעציקע לויז, —
עס ווינקען פאַרשייט די דאַמען זיך איבער,
און ס׳ברומען די מענער: היי, פלינקער, אַרויס!
מיר זענען אין צירק.

— מיר האָבן בילעטן, מיר האָבן בילעטן, —
שרייט ווידער דער שיכור מיט גלאַנציקע אויגן,
ווי גאַסן־מיידלעך כי־כיקען קלאַרנעטן,
ס׳קלאַפּט דער הימל איז דאַך, ווי אַ שטאַרבנדער פויגל.
מיר זענען אין צירק.

## איך?

אויב ס׳וועט דערגיין ווער צו מיין שטוב זאָל ער אין איר אריין,
מיר וועלן זיצן לאַנג און ריידן פון שעהן־לויף פאַרלאָפן.
פאַר מיר דאַרף מען ניט גרויס און אויך ניט אויסגעקליגלט זיין,
אַ מענטש איז דאָך אַ פויגל בלויז, וואָס איז אַ חלום ניט דערשלאָפן.

אַמאָל, אַמאָל בין איך ארויס די ווייטע, מאָדנע וועלט צו זען,
אויף שמאָלע בעטלעד איז גוט געוואָרן מיר צו בענקען.
איך האָב געלעבט אין היינט, נאָר ס׳איז מיין היינט אַמאָל געווען,
און כ׳האָב געפונען זיך אַליין איז עמיצנס געדענקען.

איז יענער עמיצער געווען דער טרעגער פון מיין איך?
איז וואָס בין איך? באַוועגונג, שאָרך, צי אומעט פון צווייִ הענט?
אָ, זאָג מיר פרעמדער גייער, וואָס האָסט מיין שוועל דערקענט.

איך טראָג פון יאָרן אָן אַ פראַגע־ריס ערגעץ אין זיך,
בין איך די פראַגע אַפשר, וואָס רייסט זיך אויף אַליין?
אָדער דער לעצטער ענטפער גאָר, וואָס טאָר זיך ניט פאַרשטיין?

# טעמפּלען

עס האָט קיין טעמפּלען ניט מיין גאָט, ווו אַלטע פליגן זומען.
די פּריסטער זיינע צאָלט קיינער ניט קיין שום געהאַלט,
ווען איינער איז דורך פיינען צו העכסטער־הויך געקומען,
נעמט מען אים היילן אין שטאָטישן אנטשטאַלט.

מיין גאָט זיפצט ניט אויף וואָלקנס מיט ליכט ארומגענומען,
ער טראָגט זיך ווי א שטיין דורך רוימען, ער קרייזט און פאַלט.
אייך מאָל איז ער אין מענער־טראכט צו טעמפּלען צוגעקומען,
געוואָלט ר׳האָט זען, ווי ס׳דאווענט זיך צו יעדער גאָט־געשטאַלט.

אין אַלע טעמפּלען איז ער געשטאַנען געבויגן זייער לאַנג,
און האָט ווי אַלע טוען צום באַלקן מיד ארויפגעקוקט,
און דאַן געדרייט זיך שווער, ווי זקנים מיט א קרומען גאַנג.

מאַר יעדער גאָט, ווי פאַר א טויטן, האָט ער זיך קוים פאַרבוקט,
אין יעדער פושקע א גאָלדן צענערל געלאָזן,
און דאַן אויף אייביק די טעמפּלען שטיל פאַרלאָזן...

# צ ו װ אָ ס?

כ׳בין איינזאַם אין דיינע שטעט, האַרט איז מיר אויף דיינע שטיגן,
און אומעטיק אין דיינע װעלדער, װאָס ליגן אויסגעהאַקט.
צו װאָס האָסטו באַשאַפן פּעטע, זלידנע פליגן,
און צו װאָס האָסטו מיך אויף דער ערד פאַרפּאַקט?

װי לאַנגװײַליק װערט דעם, װאָס לעבט נאָך אַלע זיגן,
װען ער פאַרשטייט א קאָפּ און װערט קיין קאַפּל ניט פאַרשטאַנען,
ס׳איז גוט צו װיסן: איז דאָ א דענקער צװישן ציגן
און איז מאַרטירער־טויט און הערץ־בלוט אויך דאָרט פאַראַנען?

װער האָט געבעטן דיך מיך אויסלערנען א סך צו ריידן?
כ׳האָב פיינט אין דער פאַרצװײפלונג מיין זיסלעך קול צו הערן,
און ס׳איז דערעסן מיר נאָך יעדער שחיטה מיט דיר זיך שיידן.

נאָך װאָס האָסטו צעהאַנגען אַזעלכע גרויסע, העלע שטערן,
װאָס זאָלן מיר דערמאָנען, אַז װייט זענען די אמתע באַשיידן,
אין נאָענט, װי דאָס בעזל אַלע טרערן.

## לייכטער שפּאַס

אַ גאַנצע נאַכט בין איך געזעסן אין צימער אויפן שטול,
איך האָב דיך ניט געזען, נאָר כ׳האָב געפילט, אַז דו ביסט דאָ,
עס זענען ווענט און פענסטער מיט דיר געווען פול,
און מיט דיין ריח איז פול געווען דאָס כוואַליען פון דער שעה.

און ס׳האָט געדוכט מיר, אַז דו וויינסט, און כ׳האָב געוויינט מיט דיר,
און דאַן האָסטו זיך איינגעשטילט, און כ׳האָב מיט דיר געשטילט,
און דאַן האָסטו מיט פינגער־שפּיץ געטאָן מיך א באַריר,
און כ׳האָב דיין הייסן הויך אויף מיינע ליפּן גלייך דערפילט.

כ׳בין צו צום שטול. ער האָט געשוואַרצט זיך קרום און פּוסט,
א טויטע האַרבסט־פליג פון קעלט פאַרדרייט איז דאָרט געווען,
און כ׳האָב פון גרויסן אומזין זיך אויפסגיי דערוווּסט.

האָב איך אַ גאַנצע נאַכט בלויז אָט די פּינסטערניש געזען?
איך האָב די פליג באַקוקט, געפליקט די פליגל צאַרט, אַן האַס,
איך בין ניט גאָט, דאָך מיט א פליג איז לייכט צו טרייבן שפּאַס.

## עס טרעפט

עס טרעפט אַמאָל און גאָט נעמט ריידן אויף א ראָג,
ביינאַכט, אין פינסטערניש, ווען די לבנה איז פאַרשטעלט,
די שרעק גיט איבער דעכער מיט טויזנט פיס א יאָג,
און שלאָפנדע דערפילן דאן אין פינגער־שפּיצן קעלט.

די קינדער שטרעקן הענטלעך אויס צום טאָג,
און זקנים פרעגן: גאָטעניו, וואָס איז דיין וועלט?
און ערגעץ עפנט זיך א טיר, עס קומט ארויס אַ מאַן,
ער גייט צום ראָג און זאָגט: ס'איז קיינער ניט פאַראַן!

ער שלייכט אַ היים און לייגט זיך אין זיין בעט,
און קוקט אויף זיינע פיס, וואָס רירן אַן די טיר,
און זאָגט: אויב דו ווערסט קומען איצט וועט זיין צו שפּעט!

ער שווייגט און מורמלט ווידער: אַוועק, אַוועק פון מיר!
און ס'גייט מיין גאָט דריי מאָל דאָס ווייסע הויז ארום,
דער מאַן שטאַרבט איין באַגינען שמייכלענדיק און שטום.

## ביסט ניט ווי אין מיין טרוים

איך האָב דיך אויסגעטראַכט ביינאַכט, ווען ס׳איז מיר שלעכט געווען,
ווי יעדן מענטשן, וואָס קלערט אין פינסטערניש פון נאַסער ערד,
איך האָב פאַרבויגן זיך און דיך איז שטוב דערזען,
ווי ס׳זעען דיך די זקנים מיט רויטע אויגן און גרויע בערד.

איך האָב צו דיר געוויינט און גוט איז מיר געשען,
כ׳האָב אָפּגעזיפּצט: ס׳איז אַלץ דאָ אויף דער ערד באַשערט.
און מיט דיין גוטן נאָמען מיין קליין פאַרמעגנדל פאַרמערט.
כ׳פלעג שלאָפן רואיק פון זייגער איינס ביז צען.

נאָר דאַן אין ווינטער נאַכט האָסטו מיך אויפגעריסן,
און כ׳האָב דערהערט: ׳שרייבערל, האָסט שלעכט מיך אויסגעטראַכט׳,
׳זע, איך בין אַ בייזער וואָגלער, מיט ליפּן בלוי־פאַרביסן!׳

׳פאַרנעם מיין קול אין צפון־ווינט, וואָס קלאָגט ביינאַכט!׳
איך האָב פאַרנומען און בין אַראָפּ די טיר פאַרשליסן,
נאָר דאָרט איז ווער געשטאַנען און האָט פון מיר געלאַכט...

# מ יי ן ש כ ן

ס׳האָט פון מיין האַרץ־ווייטאָג קיין נוצן קיינער ניט געהאַט,
און איך בין מיד געוואָרן אַריינשמייכלען אין פרעמדע אויגן,
מען האָט געזאָגט: דיין גאָט איז בלויז אַ נאַרישער פּלאַגיאַט.
און ווי אַ פויגל פון אַ נעסט איז אויך מיין ליד פאַרפלויגן.

מיין שכן, וואָס איז רייך געוואָרן און האָט איצט אַ געשעפט,
קומט נאַכט־איין־נאַכט צו מיר גאַנץ שטיל אַריין,
ער האָט ליב מיינע לידער און כ׳ליין אים פון אַ העפט,
ער זאָגט: נאָך דיינע שירים שלאָף איך פול טרוימען איין.

איך ליין אים לאַנג, ער דרייט די זייגער־קייט אין האַנט,
און פלוצלונג פרעגט ער: קען מען דיין גאָט אויך זען?
איך צאָל, דו הערסט, ווען כ׳ווער מיט אים באַקאַנט.

וואָס זאָל איך זאָגן? אוודאי, שכנדל, מען קען, מען קען,
דו האָסט געהערט ביינאַכט מיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט?
דאָס איז דערפאַר, ווייל ער איז דאָ ביי מיר געווען.

# די צוואה פון א לידל־שרייבער

דאָס איז מיין צוואה אין קלאָרקייט, איז לעצטער געשריבן,
דאָס וואָרט איז אַ בריק צווישן אומזין און ליכט,
כ׳האָב זיך שטענדיק צו עפּעס אַן אָפּגרונט געטריבן,
און געזוכט זיך מיין טרייסט אין יעדער געזיכט.

פון זוכעניש בין איך א מידער געבליבן,
איז אַזוי וועל איך גיין שוין צום לעצטן געריכט,
מיין זינד איז דאָס ליד פאַר מענטשן געשריבן,
דאָך מיין זינד איז געוועזן אויבעט מיין פליכט.

איך לאָז מיינע העמדער פאַר זעלנער אין בלוט,
מיין שטול פאַר אַ מאַן מיט געבויגענע פיס,
מיין טרער פאַר א מענטש, וואָס איז קינדעריש־גוט,

עס קומט, יאָ, עס קומט דער ענדגילטיקער ריס,
פון ליפּן געליבטע קוש אויס די לעצטע מינוט,
דאָס לעבן ביים סוף, ווי ביים אָנהייב, איז זיס.

## דער וועג פון דעם שפּילער אסושו נאַמירו

ס'איז דאָ אַ וועג, וואָס שלייכט פון הימל צו דער טיפער ערד,
אויף אים פאַלט ניט קיין טוי און ס'בליט אויך ניט קיין בלום,
ער בויגט זיך אויס, ווי אַ פאַרברוינטע, אַלטע שווערד,
די וואַנדערער אויף אים זענען פאַרגליווערט, גרוי און שטום.

אויף אָט דעם וועג ליגן די שטערנס, ווי געפּלאַצטע שטיינער,
דער ווינט, וואָס גרייכט זיין ראַנד, גייט כּאַרכלנד אויס.
די מענער, וואָס באַטרעטן אים זיי הייסן אַלע: ק יי נ ע ר
און יעדער פרוי וואָס קומט אַהין האָט אַ פאַרדאַרטע שויס.

קיין קורנוגיי דערלויפט דער וועג, דאָרט רייסט זיך אַלעס איבער,
די שטומע וואַנדערער קענען דעם הייסן ווילן צוריק ניט אָפּבאַקומען,
דער טרוים און ס'צאַפּל פונם האַרצן וואַקסט זיך אַדיין אין גריבער,
האַנט ווערט ליים, און ליים מיט ליים ליגט פעסט אַרומגענומען.

ערישקעגאַל איז זייער גרויסע, לעצטע מוטער,
די מוטער־טויט גיט יעדערן אַן אויסגעמאָסטן ערדן־בעט,
און ס'ווערט דאָ שטויב פון שלעכטן, צו שטויב קומט אויך דער גוטער,
און ווייך איז שטויב פון מערדער, ווי פון אַ פרוי ,וואָס האָט געגלעט.

אַרומגעצאַמט מיט הויכע פעלזן שפּרייט זיך די טויטע וועלט,
די שטראַלן פון דער זון דערלויפן ניט ביז יענעם ראַנד,
ערישקעגאַל האָט מיט אַ נעפּל די טיפעניש פאַרשטעלט,
די נאַכט — אַ שווערער שלאָס, היט אָפּ די טויערן פון לאַנד.

דאָד אישתר, וואָס לויכט דורך אַלע פולע זאַנגען,
וואָס איז דאָס בלוט פון קריגער, די תאווה פון דערוואַכטע,
זי, וואָס איז אין זאַפט פון בוימער, אין אויפרייס פון פאַרלאַנגען,
אין שמייכלען פון פאַרנאַרער, אין טרוימען ווילד־פאַרטראַכטע,

די אישתר, וואָס האָט שמאָלע פינגער און פינקלענדיקע אויגן,
און וויגנדיקע היפטן און ראָזע ברוסטן אונטער אַ ווייסן שלייער,
וואָס האָט אַ שלאַנקן סאַרנע־האַלדז ווייס און אויסגעצויגן,
אישתר, וואָס קושט די פאַסטוכער ביים סטאַדע־פייער,

אַט, די אישתר, איז אין איר וואַנדערונג צום טויטן לאַנד דערגאַנגען,
אַ שטים ביים שוואַרצן באַרג האָט איר געזאָגט: בלייב שטיין,
דאָ איז די וועלט פון לעבן פון לאַנג שוין אויסגעגאַנגען,
אַ לייב, ווו ס׳ריזלט בלוט און כוואַליעט היץ דאַרף דאָ ניט גיין.

דאָד אישתר ווייסט ניט פון קיין ראַנד, זי טראַכט: דאָ בין איך ניט געווען,
זי טראַכט: איך האָב שוין אַלץ פאַרנומען און אַלץ געפילט,
נאָר יענע וועלט האָט נאָד מיין אויג אין אַלע וועגן ניט געזען,
איר ווילן איז אַ וואַסער־פאַל, קיינמאָל ניט פאַרשטילט.

זי זאָגט: שטימע, קלינג אָפּ אין פינסטערניש אַזוי,
אַז ס׳זאָל מיין שוועסטער וויסן, אַז כ׳וואַרט און וויל אַריין,
מיין הימל איז דאָד איבער אירן, ער כוואַליעט אייביק בלוי,
און דורך מיין ווּקס איז זי, די שוועסטער אַ מוטער פון ניט זיין.

די שטימע גייט אין ווייטן אויס און קומט מיט ווינט צוריק,
׳גיי, קעניגין, דאָ פירט מען ניט, דיין שוועסטער וואַרט דיך אָפּ׳,
די געטין שטעלט די ערשטע טריט, די פינסטערניש בינט, ווי אַ שטריק,
דורך קאַלטע שטיינער־טרעפּ שטייגן די פיס אַראָפּ.

זי רייסט די אויגן אויף און אַט דערזעט זי אַ בלויען טויער,
ער וועלבט זיך הויך, זי היילט און גייט אין אים אַריין,

איר קומט אנטקעגן אן אלטער מאַן, אַן הויקערדיקער און א גרויער,
ער נעמט איר קלייד, פּליקט עס אראָפּ און זאָגט: אַזוי דאַרף זיין.

מיט אירע הענט האַלט זי די ברוסט, דער אַלטער איז פאַרשווּנדן,
זי גייט. און ווידער וואַקסט אַ טויער פאַר אירע אויגן אויס,
זי היילט און פילט, אַז אירע האָר האָט ווער אין האַסט צעבונדן,
און קלייבט פון דאָרט די איידל־שטיינער מיט שלעכטע הענט ארויס.

זי לויפט. און אָט איז זי אונטער א דריטן שטיין געבליבן,
זי שוידערט פון א ברי ביים האַלדז; ס'האָט ווער די פּערל צוגענומען,
אַ, די ווּנדער־פּערל, אין ימים טיפע דורך טויכער אויפגעקליבן,
זי פרעגט: פאַרוואָס? נאָר פעלזן שווייגן און נעפּלען שטומען.

און אָט איז שוין דער פערטער טויער, די גלידער וואַקלט זיך צוגיין,
דאָך שמייכלט זי: אַ, ס'וועט די שוועסטער מיך ניט שלאָגן,
און כאָטש אַ נאַקעטע, אַז צירונג כ'וועל דאָרטן שטיין,
וועט זי זיך איינבויגן און איך וועל 'נאַר' איר זאָגן...

און אין דעם פערטן טויער רויבט מען דעם פּאַס פון אירע לענדן,
און אין דעם פינפטן די ברייטע, פינקלענדיקע אויער־רינגען,
אין זעקסטן די פינגערלעך, עס זאָל דאָס אויג ניט בלענדן,
אין זיבעטן דאָס גאָלד פון אירע פיס, עס זאָל ניט פריילעך קלינגען.

און דאַן בלייבט אישתר שטיין פאַר ערישקיגאַלס געזיכט,
עס בלייכט פון פינסטערניש ארויס, די ליפּן דין און צוגעשלאָסן,
אויף אירע ברייטע אַקסלען פאַלן האָר — א שוואַרצער ערדן־שיכט,
צו אירע אויגן איז דאָס לעבן, א כוואַליע ליכט, שוין ניט דערפלאָסן.

זי קוקט. אַזוי קוקן די לעכער פון אָפּגעברענטע, אַלטע שטיבער,
ברונימער פאַרסמטע, ווו ס'גרינט ארויס דער שלעכטער גרונט,
אַזוי קוקן פאַרמשפּטע, וואָס גראָבן זיך אַליין אויס גריבער,
אַזוי קוקט אינם היצלס האַנט א גוססדיקער הונט.

אישתר שטרעקט די האַנט, זי עפנט ס׳מויל און בלייבט דאַך שטום,
איר דאַכט: זי ווערט צו ערד פאַרוואַקסן און זינקט אַראָפּ,
מיט טויזנט הענט נעמט זי די פינסטערניש קאַלט ארום,
ווי פרעמדע קערפּערס גליען די אויגן אין איר מידן קאָפּ.

זי פילט דער שוועסטערס בליק און קען די לעפלען ניט פאַרמאַכן,
עס מאָלן זיך פאַר אָפלען אויגן שנעל וואַקסנדע, ווי וואַסער־רינגען,
לבנות קרייזנדע מיט שוואַרצע, לויערנדע פלאַכן,
און קליידער פוסטע, וואָס נעמען זיך ארום און זינגען.

און קרעציקע, וואָס קושן זיך מיט צינגער בלוילעכע, מיט ליפּן ווונדן,
און בעטן רייאיקע, וואָס וואַרטן אויף שלעפער ערגעץ ווו פאַרלאָרן,
און וואַרצלען קריכנדע, פון שטאַמען פוילנדע שוין אָפגעבונדן,
און האָר, וואָס קנוילן זיך פון קעפּ שוין לאַנג פאַרשאָרן.

און בלייך ווערט אישתר, דער קאָפּ זינקט אויף דער פולער ברוסט,
זי מורמלט אויס: ׳שוועסטער, לאָז מיך די אויגן איצט פאַרמאַכן,
זיי האָבן אַלץ געזען, מיין הארץ האָט זיך פון טויט דערוווּסט,
אַ, לאָז מיך איינשלאָפן און דאַן לאָז מיך צוריק דערוואַכן׳.

זי שליסט די אויגן און זינקט אַראָפּ צו שוועסטערס פיס,
די שיין געלאַקטע האָר פאַרדעקן ס׳ראָזע, שמייכלענדיקע לייב,
אַ חלום האָט זיך אויסגעצויגן קינדיש, ציטערדיק און זיס,
ערישקעגאַל זאָגט דאַן ארויס איין וואָרט: ב ל יי ב !

און ס׳וואַכט שוין אישתר מער ניט אויף, די ערד נעמט נאַקעט ווערן,
עס ווערן געל די גראָזן, און ס׳פאַלן בלעטער: אַ רויטער שניי,
די טרייסט קומט מער שוין ניט צו מענטשן דורך פולע טרערן,
דער פויער בלייבט פאַרשטאַרט און גייט ניט צום פאַרזיי.

די אָדלער מאַמע פאַרלאָזט די אייער און רייסט קעגן די כמארעס,
דער שווערער אָקס האַקט בלינד דעם קאָפּ אין שטיינערדיקער ערד,

די וואַגלער ברעכן איין די שטעקנס און גייען אויס אויף נאַרעס,
דער קריגער ציט קעגן לבנה די בלאַנקענדיקע שווערד,

און פוסט בלייבן די זאַנגען, און פוסט די וויגעלעך פון קינדער,
און פוסט די הענט פון בעטלער, און פוסט פאַרוויילונגס ערטער,
דער מאַן, דער זעענדיקער ווערט גלייך צו דעם, וואָס איז אַ בלינדער,
און דער, וואָס טראַכט פון טויטע צו דעם, וואָס טראַכט פון אַ באַשערטער.

און דעמאָלט איז אסושו נאמירו אויף גרויסער וועלט געקומען,
אַ קינד פון אומעט האָט ער געגאַרט די אומעטן פאַרשפּילן,
דער דראַנג צו פרייען זיך האָט זיינע ליפּן ברייט צענומען,
ער האָט געזונגען און האָט געוואָלט זיין בלויע בענקשאַפט שטילן.

און דאַן האָט ער אַ פייפל אויסגעשניצט מיט ציטערדיקער האַנט,
די ליפּ זיינע האָבן אויסגעבישופט אַ צויבערדיקן ווינט,
דורך ווינט האָט עמיצער גערעדט: דיר איז אַז וויסן אַלץ באַקאַנט,
גיי ברענג די פריידן־פרוי, וואָס שלאָפט אין טויטן לאַנד אַ ציִנד.

ער האָט געלאָזט זיך וואַגלען און איז צו פרעמדער וועלט דערגאַנגען,
דאָס ליד האָט אים געפירט, אויף פאַלשע וועגן פלעגט דאָס שטומען,
ווי טעג און נעכט זענען די אומעטן געקומען און פאַרגאַנגען,
ביז ר'איז אַ מידער צום קאַלטן אַפּריס צוגעקומען...

ער האָט זיך אומגעקוקט, אַ שטים האָט אין דער לופט געשוועבט;
אַ, גיי ניט, שפּילער, דאַ שפּרייזט דאָס לעבן ניט אַריבער,
קער זיך אום און לעב אויפסניי, וואָס דו האָסט דורכגעלעבט,
דאַ איז דאָס לאַנד פון שטיינער, פון שאָטנס און פון גריבער.

דאָך ס'פאַלגט זי ניט דער שפּילער, ער שפּרייזט געשווינט,
דורך זיבן טויערן פירט אים דער וועג, דורך זיבן לאַנגע טעג,
דאָס ליד, ווי זילבער־וואַסער בלעזלט, שוימט און רינט,
און פילט מיט לעבן אַן יעדער שלאָפנדיקן שטעג.

און ביי דעם ערשטן טויער פאַרשווינדט דער גלאַנץ פון זיינע אויגן,
און ביי דעם צווייטן — קריכן די שיין געלאַקטע האָר אים אויס,
ביים דריטן האָט זיך דער רוקן, ווי אין אַ לאַסט פאַרבויגן,
ביים פערטן — ווערט די צאַרטע האַנט אַדערדיק און גרויס.

ביים פינפטן ווערט הענגענדיק די הויט, ווי אַ זאַק,
ביים זעקסטן ווערט שווער דער אָטעם אין מילדער ברוסט,
ביים זיבעטן גיט אַ האַרטע האַנט דער מאַמעס רינג אַ פּאַק,
דאָך שטייגט דאָס ליד און זאָגט: איך האָב דאָס אַלץ געוווסט...

ערישקעגאַל הערט דאָס ליד און ס׳רירן זיך די קברים אויף,
און לייבער נעמען זיך באַוועגן און שטיינער קייקלען זיך אַראָפּ,
און הענט מיט הענט, און פיס מיט פיס, הויבן זיך שוואַרץ אַרויף,
עס פינטל ווייס אַ קאָפּ, אַ קאָפּ און נאָך אַ קאָפּ.

פאַרמשפּטע נעמען צוריק די שרעק פון אָפּגעפּליקטן לעבן פילן,
און מערדער בעטלען גאָט, ער זאָל די פרייד פון זינדיקן פאַרמעקן,
גאַסן־פרויען פאַרפאַרבן זיך און נעמען זיך מיט מתים שפּילן,
און ס׳וואַשט דער תליון פון זיין העמד די קלעפּיק, רויטע פלעקן.

און ס׳שפּילט אסושו נאַמירו, דער שפּילער שפּילט צום לעבן,
און ס׳גייען וווכערניקעס ס׳צעבאַרגטע געלט איצט מאָנען,
פאַרראַטענע צעקלאַגן זיך: מיר וועלן קיינמאָל קיינעם ניט פאַרגעבן,
און קריגער פוילנדע פאַרזאַמלען זיך אַרום צעווייטע פאָנען.

דאָס גראָז נעמט שפּראָצן ביי דעם שפּילערס היילנדיקע פיס,
און דעמאָלט וואַכט די שלאָפנדע, די שיינע אישתר אויף,
דער שלאָף האָט אַלץ פאַרשטעלט, זי שמייכלט מילד און זיס,
און קוקט צום שפּילער מיט מאַנדל־אויגן ליב אַרויף.

און אָט איז זי שוין אויפגעשטאַנען, אַ שלאַכט האָט זיך צעברענט,
עס פאַלן טויטע, דאָך ס׳מאַכט דאָ ליד זיי זאָלן ווידער שטיין,

עס בלוטיק ביי קריגער אויגן, עס פלעכטן זיך אין האס די הענט,
פאנצערס מישן זיך מיט שטיינער און תפילות מיט געוויין.

און דעמאלט זאגט ערישקעגאל: א, פרעמדער, ווייטער מאן,
ווער ס׳איז געשטארבן דארף זיך ניט אומקערן צום אויסגעקערטן,
דו ברענגסט דאס ליד פון לעבן, דאך פאר די לייט איז טויט פאראן,
דו בינד ניט אויף קיין וווּנד, שטעק ניט אן מיטן פארווערטן.

ברענגסט אומגליקן, און אומגליקן האסטו אויף זיך גענומען,
גיי אפ מיט אישתרן, דו ערדישער, דו פייניקער פון שטילסטן שטויב,
דיין שטאם וועט אייביק שווין אין בלאנדזשעניש דא קומען,
און זיין וועטער, פאר יעדער נאכט־געשפענסט א רויב.

ער וועט צו הימלען ציען זיך און וועט אויף הוילע זאמדן שלאפן,
ר׳וועט לעבן טרוימענדיק און דאך דעם נאמען פון זיין טרוים פארגעסן,
פון גרעסטן אומגליק וועט ער ארויסקלאפן א פונק פון האפן,
ר׳וועט ליידן, דעם אמת ברענגען און דאך זיך זיין אליין דערעסן!

אזוי רעדט אויס די הערשעריןֹ, ווי שווארצע קוילן גליען אויגן,
דאך שפילט דער גרויסער מאן, און ציט די שיינע אישתר מיט,
זי האט אין שרעק געפלאטערט, פאר יעדער טויער זיך געבויגן,
דאך אסושו דער זינגער געשפאנט האט פעסט אויפן גראניט.

און ביי דעם ערשטן טויער האט זי די פוס־באפוצונגען באקומען,
ביים צווייטן, האט זי געקראגן די גרויסע רינגען פון דער האנט,
ביים דריטן, די אוירינגלעך, ביים פערטן דעם לענדן־פאס אין בלומען,
ביים פינפטן, די פערל, ביים זעקסטן די שטיינער, ביים זיבעטן דאס
קלייד־געוואנט.

דאך אלט געבליבן איז דער שפילער, ר׳האט גארניט אפבאקומען,
זיין ליד, גלייך ווי אן אדלער, האט איבער בערג זיך הויך געטראגן,
ווען ר׳איז ארויס פון גרוב האט ער די אלטע הענט צענומען,
ער איז צו אישתרס פיס געפאלן, זיין הארץ האט אויפגעהערט צו שלאגן.

צעווײנט האָט זיך די געטין און אים די אויגן צוגעמאַכט,
און האָט געזאָגט: פֿאַרגעסן האָסט דײַן נאָמען אויסצוזאָגן.
מיט האָר צעלאָזענע איז זי געזעסן בײַ זײַן קאָפּ אַ גאַנצע נאַכט,
און דאַן דאָס פֿײגל נעמענדיק אַוועק, ווען ס'נעמט אין מזרח טאָגן.

# א גוטנאַכט דיר

אויפֿן וועג א ווייסער צלם,
אויפֿן צלם ע ר:
א גוטנאַכט דיר ר׳גאָט
וואָס איז דאָ דער מער?

כ׳האָבן א שיכל פֿון מיידאַנעק,
קוק אַראָפּ צו מיר,
ביסטו אויך פֿאַר אים געשטאָרבן
אָדער ער פֿאַר דיר?

ענטפֿער מיר, מיינסט אַז גאָט
דאַרף שוין אייביק שווייגן?
ס׳וויינט דער אומט איז מיין האַנט,
ווי א פֿויגל צווישן צווייגן.

וואָס איז שווערער גאָט צו זיין
דורך צוויי טויזנט יאָר,
אָדער איין מינוט אַ מענטש,
אין מיידאַנעקס וואָר?

וואָס איז שווערער, דערנער טראָגן,
אָדער סם פֿאַר ווייב און קינד,
ענטפֿער, פֿעטער, אויפֿן צלם,
ווי דאָס זאַמד בין איך דאָך בלינד.

בערגלעך קויט מיט פֿלעקן בלוט
איז פֿאַר מיר די ערד,
ענטפֿער גיכער, פֿאַוול קומט,
אין זיין האַנט די לאַנגע שווערד.

ס׳איז דיין טויט — א קוואַל פון גלויבן,
דאָך מיין לעבן — קוואַל פון שרעק,
זיינע ליפּן מורמלען: יעזוס,
טרייב דעם זשיד פון אונז אוועק.

וואָסזשע שווייגסטו, מילדער יעזוס,
האסטו אויך, ווי ער, א ייד?
כ׳הער קיין ענטפער. אין מיין האַנט
זינגט דער אומעט ס׳אוונט ליד.

פאַלן שטערן פונם הימל
גליט אויף קאַרנפעלדער בלוט,
זאָג איך, זיי געזונט מיר פעטער
און איך צי אראָפּ מיין הוט.

גיי איך מיטן שמאָלן וועג,
איז דער גאַנג אי לאַנג אי שווער,
קוקט פאַרקרימט מיין פעטער גאָט
ווייס איך ניט וואָס איז דער מער.

# א י ר

איר פילט, אַז איר דאַרפט ליידן פאַר וואַרשע און לובלין,
נאָר ס׳ליידט זיך ניט און איר שטראַפט אַנדערע דערפאַר,
דאָך ס׳וואָרט פון זאַטע קריכט, ווי אַ גרויסע שפּין,
און מיט די שפּינען שפּילט זיך בלויז דער אויסוואורף און דער נאַר.

אַ פאָלק איז אויסגעבערענט פאַר אייער אויג געוואָרן,
ס׳איז אייער פאָלק, צי קענט איר עס פאַרשטיין,
פאַרלאָשן איז אין אַלע וועלטן דער ברענענדיקער דאָרן,
און איר קומט אַלץ נאָך אויף באַנקעטן מאַכנעסווייז צוגיין.

איר פוצט די שיך, גלעט אויס די טונקעלע קראַוואַטן,
און איר באַשמירט מיט אייל די גרויע קופּקעס האָר,
נאָר קיינער זעט ניט אויפן וואַנט דעם הענגענדיקן טאַטן,
און קיינער זעט ניט, אַז נאָך אים קומט ניט קיין נייער דור.

איר לאַכט און זינגט, די נאַכט זיצט אין די שויבן,
פאַרקוקט מיט סאַווע אויגן אין רויטע פלעשער ווייַן,
ס׳וויל יעדער איינער דער צווייטער זאָל אים גלויבן,
נאָר זיך אַליין, נאָר זיך אַליין רעדט קיינער מער ניט איין.

דאָס אַש פון טויטע איז שווער אייך צו דערטראָגן,
דאָס בלוט פון לעבנדע קענט איר ניט מאַכן זינגען,
דאָס ערשטע און דאָס לעצטע וואָרט וועט איר ניט זאָגן,
ווי וועכטער פאַרן פרעמדן הויז וועט איר מיט שליסלען קלינגען.

לאָזט מיך דעם פרעמדלינג אין אייער הויז־טיר ניט אַריין,
פון מיר טראָגט זיך אַ ריח פון טשאַד און בלוט,
איך קען ניט אַנטריפן ווי אַ רפואה טראָפּנס פּיין,
און האָב צושטאַרבן מער, ווי איר צו לעבן מוט.

# ג ע נ ו ג

וואס האט איר זיך צעקלאגט אין אויסגעזוכטע גראמען,
אז אונזער יידיש ווארט שטארבט ווי א פויגל אן א נעסט?
דער לעצטן וויטאג דארף מען מיט ווערטער נישט פארסמען,
טראגט אויס אים דורך די טעג טיף ביזן ביין פארפרעסט.

פאר שפאסלער און פאר שווארצע קראעס איז דא א שטיין,
פאר מידע זוכער — א פראסטער פינגער־גלעט,
דער וואס שפילט זיך יארן אין אייגענעם פארגיין
איז ניט קיין גוטער ברודער און ניט קיין ברודערשער פאעט.

וואס האט איר זיך צערעדט, ווי בעטלער ביים בית־עולם טויער,
די לאפעטע וואס ווארפט די ערד בלייבט, ווי די ערד אויך שטום,
וואס האלטן איר אין איין האנדלען מיט דעם ארטיקל ׳יידן־טרויער׳
און טראגט זיך מיטן אומקום ווארט, ווי מיט א קרויז ארום?

גענוג, גענוג, די גוטע ברידער, די שניידער און שוסטער פון יידן־לאנד,
די רויטע פענדל־טרעגער און מאמעס ביי די וויגן,
האבן א ליד פארקנאטן אין א פארגרויטער געטא־וואנט,
און דער וואס טראגט די וואנט דער וויל נאך לעבן און וויל זיגן.

יא, זיגן, טראץ אייער אויסגעצערטן, צארטן טרויער,
טראץ שיינע ווערטער־שפילן און שפילעריי מיט גאט,
ווער ס׳איז א דיכטער, דער איז א ווילדער בויער,
און בויען בויט זיך ניט מיט רייד פון פלאטער־פלי און שפאט.

זאל קליין די מחנה זיין, צעשטויבט, פארבלוטיקט און צעריסן,
זאל זיין דאס יידיש־לשון דריי־פערטל שוין פארגעסן,
אויב ס׳לעבט די בענקשאפט וועט זי אויפסניי אונז שליסן,
און זיס וועט ווערן אונזער ווארט, ווי ס׳ברויט ביים אוונט־עסן.

כאַ, רעדט פון בענקשאַפט, פון גרויסער בענקשאַפט און ניט פונם פאַרגיין.

די טויטע שוסטער, די טויטע שניידער, זיי וואַרטן דאָך אויפן געזאַנג;
זאָל יעדער יתום זען דעם טרוים פון אונזער פאָלקס-געביין,
און זאָל אים פייניקן ניט צווייפל, נאָר ווילדער ניט געשטילטער דראַנג.

וואָס זענט איר זיך פאַרגאַנגען איז אַזאַ הויכער קלאַגעריי,
אַז אַלץ פאַרגייט און אַז ס׳וועט באַלד שוין גאָרניט זיין;
די צען וואָס ל ע ב ן טרוימען יעדער טאָג אויפסניי,
און פרעמד איז זיי דער נאָבלסטער גראַמען־פיין.

# די וועלט האָט פאַרגעסן

די וועלט האָט שוין פון לאַנג, פון לאַנג אַלץ פאַרגעסן,
דער מיניסטער האַלט רעדעס, דער גנב זוכט אַן אָפענע טיר,
דער לץ דאַוונט אויס צו גאָט דאָס פעטע עסן,
דער גענעראַל פוצט די מעדאַלן צום נאַכט-שפּאַציר.

די וועלט האָט פאַרגעסן. מיט פלינקע, גרינע שפּרייזן,
קומט דער פרילינג צוגייך צו די שוואַרצע געטאָ-ווענט.
דער געשיכטלער ציילט רואיק אויס היטלערס גרייזן,
דער גאָלדשמיד זיפצט, ווייל דאַמען האָבן נאָר צוויי הענט.

דאַך מיר די געטרייע ברידער זענען פול מיט געדענקען,
ביי געדעקטע טישן רעדן מיר וועגן דער געקוילעטער וועלט,
א חזן אָפּערעטעוועט א ליד, מיר נעמען זיפציק בענקען,
און א דאַמע מיט זיסע אויגן זאַמלט געלט.

איז לעבעדיקער, צאַלט מיט מוטיקע, מונטערע פינגער,
פאַר אַ טויטן ברודער, פאַר אַ שטילער מאַמע, פאַר אַ מידן גלויבן,
איז חשבון גייט שוין אַריין דער טיש און דער זינגער,
און צוויי יתומים פון איידאָפּע מיט שיינע אויגן.

מיר זענען גוטע יידן, מזוזהדיק און שטאַרק געטריי,
א געשעפט — איז א געשעפט, אָבער א טרער — בלייבט פאַרט א טרער,
איז לחיים פאַר די לאַגערס, זיי זאָלן ווערן פריי,
און, אַז המן זאָל אונז שוין נישט טשעפען מער.

ווער זאָגט, אַז מיר זענען נישט מער, ווי בלעטער אין ווינט,
ווער זאָגט, אַז מיר זענען פאַרדאַרט, ווי א ליימיקער גרונט,
פאַרשטייט דען נישט יידיש א ביסל אונזערס א קינד?
און צי האָט עס נישט מורא פאַר א גויאישן הונט?

אָ, מיר ציִען די קייט, די אייביקע גאָלדענע קייט,
כאָ לאָמיר באַווײנען היינט הויך א רינגל אויף צווייען צעבראָכן,
און לאָמיר, ווי גוטע יידן גלויבן, אַז אַלץ פאַרגייט,
און אַז ס'וועט אונז ליבן, ווי בראָנפן דער בייזער שכן.

די וועלט, אַך, די וועלט האָט פון לאַנג אַלץ פאַרגעסן,
דער מיניסטער האַלט רעדעס, דער גנב א קליאַמקע פון טיר,
דער לץ דאַוונט אויס צו גאָט דאָס פעטע עסן,
דאַך דעם צער פון דער וועלט טראָגן מיר.

# מארדוק

און דאָס איז די געשיכטע פון מארדוקס אויסטערלישן זיין,
א מענגע שלעכטע גייסטער האָבן זיין זונען־שליאַך פאַרשטעלט,
בלינד געמאַכט זיין קאָפּ, געשלאָגן אים מיט יעדער פּיין,
און דאַן, ווי די קברנים פאַרגראָבן איז אן אנדער וועלט.
אונטער דער ערד פון גריינעם לעבן געלעגן איז מארדוק אַליין,
גלייך צו דעם נאָסן ליים — אַן צער און ציטער פון פאַרשטיין.

און אויפגעגאנגען איז דאָס האַרץ פון פעלקער איז געשריי,
'ווו איז דאָס גליק פון אונזער לאַנד, ווער האָט עס אונז פאַרשלעפּט'?
מיט טויזנט קרומע ציינער האָט איינגעביסן זיך דער פּיין,
דער אומעט, ווי א נאַסער בלאָט האָט יעדנס אויג פאַרקלעפּט.
און בלינד און פול מיט שרעק האָט ס'פאָלק געיאָמערט אין דער נאַכט:
'אָ, פרוי פון אונזער מארדוק, ווו איז דיין מאַן פאַרמאַכט?'

דאַך ס'ווייסט די פרוי ניט פון איר מאַן, ער קומט ניט מער צו איר,
די טעג, ווי ווייסע שעפּסן ליגן אין שטילקייט פאַר איר שוועל,
דער בלינדער ווינט טוט יעדער נאַכט די שלאָפנדיקע טיר א ריר,
און ס'הענגט דער הימל — א ברוינלעך־גרויע שאַקאַלן פעל.
די פרוי וועט באַלד דעם מאַן אויך דורכן טרוים ניט זען,
זיין פּנים ווערט צערונען, גלייך עס וואָלט קיינמאָל ניט געווען.

נאָך וואָס דאָס וואַרטן? זי הויבט זיך אויף, דער זון מיט איר צוזאַמען,
די שיינע פרוי פאַרשטייפט אין גראָבע לייוונטן דאָס פולע לייב,
זי גייט, דער זון, נאָבו פון באָרסיפּ, פאָלגט נאָך דער מאַמען,
גלייך ווי א פויגל פּילט אויס די וועגן די ליבנדיקער ווייב.
און אַט איז זי אין פּיין און לייד צום קבר אויך דערגאַנגען,
און פאַר איר אויג איז דאָס פאַרגאַנגענע ווידער אויפגעגאַנגען.

זי זעט וואָס ס'איז פאַרלאָפן און ברעכט די הענט און רייסט די האָר,
און לייגט זיך אויפן זאַמד. ס'געשעענע הויבט ווידער אָן געשעען,
ס'איז דאָ אַן אָרט אין לייב, וווּ פאַרגעפּיל איז וואָר,
ס'איז הייַנט און מאָרגן דאָרטן גלייַך צו דעם, וואָס איז געווען.
און ס'ליגט די ווייַסע פרוי די האָר געמישט מיט שטומער ערד,
איבער איר גוף פאַלט דאָס דערזען גלייַך צו אַ שאַרפער שווערד:

אַט, גייט מאָרדוך אַלייַן, פון אַלעמען פאַרלאָזן לאַנג,
ער טרעט מיט מידע פיס צום באַרג, וווּ דאָס געריכט וואַרט אָפּ,
די ליפּן זייַנע ווערן בלוי, זייַ ברענגען שטיל אַרויס אַיין קלאַנג:
'איך בין ניט שולדיק' דאָך לאַכן אַלע: 'מיר וועלן זען עס אייזל-קאָפּ'
דאַן בעט ער: 'שלאָגט מיך ניט' — דאָך שלאָגט מען אים מיט גרויסער פרייד,
און ס'ווערט אַלץ העכער דאָס געלעכטער און העכער אויך די בייזע רייד.

די ריכטער גיבן אַ באַפעל: — אַ מערדער ברענגען מיט רויטע גלידער,
ער ווערט געבראַכט און ווערט פאַרבונדן צו מאָרדוכן מיט שטריק,
דער מידער גאַט רעדט קוים אַרויס: 'מענטשן, קינדער, ברידער,
איך האָב פאַר אייַך געטראָגן דאָך דאָס אומשולדיקסטע גליק'
אַ ריכטער האַקט אים איבער: 'גענוג, וועסט ווערן גיך פאַרגעסן'
און לינקס פון אים גייט עמיץ צו: 'ביסט אונז שוין צוגעגעסן'

צום הימל ווענדט זיך דאַן מאָרדוך: 'פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ מין פּיין,
איך האָב געזייט דאָס גוטע, דאָך וואַקסט דאָס שלעכטע מיר אַנטקעגן,
איך האָב געבענטשט דאָס וואַסער, דאָך שלאָגט מיין בלוט איז מויל ווי ווייַן,
און אויפגעעפנט איז פאַר מיר אַ גרוב און אָפּגעשניטן אַלע וועגן,
גאָט, פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזן מיך, כאָטש כ'בין געווען גוט,
פאַרוואָס רייסט איצט די זון מייַן לייב, ווי אַ צעגליטע, שאַרפע רוט?'

דאַך ווי אַ שטיין איז שטום דער הימל, פאַרבלוטיק פאַלט דאַן מאָרדוק אום,

דער מערדער, דער באַוואַקסענער ציט אויף זיין לייב זיך אויס,
די שטריק אַ דיק־געפלאָכטענע נעמט ביידע לייבער פעסט אַרום,
און ס׳קומט פון מערדערס מויל אַ קול, ווי פון אַ זומפּ אַרויס;
׳ריכטער, איך וויל ניט זיין צום לעסטערער מיט שטריק פאַרבונדן,
לאָזט פריי מיך, זעט, עס רינט דאָך בלאָטע פון זיינע ווונדן׳.

עס לאַכן העכער מאָרדוקס ריכטער און פּאַטשן מיט די הענט,
דער גזלן שטאַרבט אַוועק מיט אויסגעשטשירעט געלע ציין,
איך זעט זאָגט איינער: אויך ער האָט זיך אויף אים דערקענט,
אַ צווייטער שאָקלט צו: דו מיינסט אַז ריכטער זענען מיר אַליין?׳
און דאַן פאַרלאָזן זיי דאָס אָרט, ווו מאָרדוק ליגט פאַרשאָטן,
דאָס אָרט דאָס זעלביקע, וואָס איז געוואָרן דורך זיין פרוי באַטראָטן.

דאָס פאָלק פון נינווה גייט ווײַנענדיק צו אישתרן דער גרעסטער,
עס גיסט פאַר אירע פיס דאָס מילך פון איבערפילטע טעפּ;
׳דו האָסט געגעבן אים דאָך לעבן, ער איז דיין זון דער בעסטער׳,
זיי ריידן און זיי בעטן און שווער זינקען אַראָפּ די בלויע קעפּ.
דאָך ס׳ענטפערט ניט די געטין, זי שמייכלט בלויז ווי אַלע מאָל,
ווי פליגן־זום קריכט איבער בענק דעם פּריסטערס דינער קול.

און ס׳ווערן מיד די לייט, זיי גייען אָפּ. די געטין נעמט דאַן נאַבון רופן,
מאָרדוקס זון, דער שטאַרקער מאַן קומט היילנדיק צו איר צוגיין,
זי זאָגט: נאַבו מיין ליכט, דו ביסט צו גרויסע ווערק באַרופן,
גיי זאָג דעם פאָלק, אַז ס׳האָט שוין מאָרדוק אָפּגערוקט דעם שטיין,
און פריי איז ער און לעבעדיק און פול מיט בלוט אין זיינע גלידער,
ער גייט, ער איז געקומען און איז מיט אונז שוין ווידער.

עס גלייבט זיך נאכן גליקלעך אויס און זאגט: ׳כ׳גאר אים באקוקן.
איך האב געליבט אים דאן, ווען ר׳איז געווען פון אלעמען פארגעסן,
און ס׳ענטפערט אישתר: ׳גיי זאג, דו האסט געטאן זיך פאר אים בוקן,
און האסט געהערט זיין ווארט און האסט זיין שפייז געגעסן׳
א אומעט ווי א אוונט־ווינט כאפט אים ארום און ער נעמט קלאגן:
׳געטין הימלשע, אויסדערוויילטע, דיין ליגן כ׳וועל ניט זאגן׳

די געטין רירט זיך פון איר ארט און טרייבט אים אפ מיט אירע הענט,
און זאגט אים: ׳גיי פון מיר׳ און זאגט אים: ׳ביסט פארטריבן׳,
דער פריסטער קניט און מורמלט: ער האט זיין פאטער ניט דערקענט׳
צו מארדוקס אומקער האט זיך דאס פאלק אין טעמפל אויפגעקליבן,
בלויז נאבו וואנדערט איינזאם און רופט דעם פאטער אין די נעכט:
׳פארוואס מוז איך פארשאלטן בלייבן, און צוליב וואס, בין איך
גערעכט?׳

## אין ראָד

מיר גייען און גייען אין ראָד אין דעם שווערן,
מיט שטריק אויף די העלדזער פאַרבונדן,
די טריט אויף דער ערד — שטיינערנע טרערן,
די קעפּ אַפּגעגאָלט און די הויט אַפּגעשונדן,
מיר גייען אַרום אַ פאַרלאַשענעם שטערן,
באַצירט מיט קרענצלעך פון וונדן.

דער טאָג און די נאַכט אין ראָד גייען מיט,
אַ פּלייצע אַ שוואַרצע, אַ פּלייצע — העל־ווייס,
ניטאָ מער קיין וואָרט, ס׳איז אַלץ אויסגעגליט,
און אַלץ איז אין טונקעלן קרייז.
מיר גייען מיט שווערע קברנישע טריט,
אַ קללה דער וועלט: אַ שפּרייז נאָך אַ שפּרייז.

די ליבע איז טויט און דער טויט איז ניט שיין,
די שיינקייט איז אויך ניט קיין פרייד,
מיר גייען אין ראָד פאַרלייזט און געמיין,
מיר זוכן פאַר זיך אַליין אַ באַשייד.
נאָר יעדער פון אונז, וואָס נעמט עפּעס פאַרשטיין,
פאַלט אַוועק מיט אומזיניקע רייד.

מען הויבט אויף זיין גוף, מען האַקט אָפּ זיין שטריק,
און אויפסניי בינט דער וועכטער אונז צו,
ס׳איז לעבן ניט גוט, איז שטאַרבן אַ גליק?
יעדער טויטער רויבט צו אונזער רו.
מיר קלערן פאַר זיך: וועט ער קומען צוריק?
און מיר פרעגן ביי נייע: ביסטו יענער דו?

די נייע זיי שטומען און ענטפערן דאן:
מיר זענען, מיר זענען שוין קיינער,
זיי שווייגן. אין אונז איז שוין גארניט פארן,
ווען מיר לאַכן, לאַכן בלויז ציינער,
מיר גייען אין ראד, מיר גייען אין שפאַן,
מיר היטן דעם ווייטאג פון אונזערע ביינער.

נאר עס טרעפט אמאל, אמאל אין א יאר,
און א פויגל נעמט זינגען פון יענער זייט דראטן,
מיר בלייבן דאן שטיין, עס שטייט אונזער דור,
אונטער יעדן נעמט וויינען זיין שאטן,
די וועלט גיט א וויג זיך, עס פלאַצט די וואר,
און יעדער ווערט דאן אויפגעשאטן.

מיר הויבן אן ריידן, ס׳דרייען פלייצעס זיך אום,
מיר טרינקען דאס ליכט פון די אויגן,
יעדער שטרעקט אויס אַ האנט, יעדער מורמלט: קום,
יעדער וויל זיך צום צווייטנס ווייטאג פארבויגן,
פארוואס זענען מיר אַזוי לאַנג געווען שטום,
איז דער אמת פון אונז דען פארפלויגן?

דאך די וועכטער זיי היטן אין ראד דעם געגאנג,
און זיי שלאגן אונז איבע די קעפ,
דאס פויגל פארגייט אין א יאמער געזאנג,
ווי ברענענדע פעדערן פאַלן די קלעפ,
די וועכטער צערטלען דעם מענטשלעכן פאנג,
מיר גייען, מיר גייען ווי אויף גליטשיקע טרעפ.

דאס ראד, אך, דאס ראד, ווער וועט עס צעברעכן,
די וועכטער זיי זענען צו דעם אויך געשמיט,
מיר קענען אין פיין ניט איין ריינקייט פארשוועכן,
אבי פון דעם ראד באפרייען די טריט.

דאָך אונז היט אַ שווערד דורשטיק צו שטעכן,
און די שווערד, ווי מיר געהער צו איין מיט.

ניט איינער פון אונז האָט דאָ שוין דערקענט,
אין אַ חברס רוקן, דעם רוקן פון גאָט,
ר'האָט די פלייצע באַרירט, די הענט זיך פאַרברענט,
און אַ טויטער אַרויס פון דעם ראָד.
פון דאַן האַלט שוין יעדער פאַר זיך זיינע הענט,
און פאַר זיך דעם טונקעלן סוד.

זאָל זיין, אַז אויך גאָט איז אַ שקלאַף און ניט מער?
אַז אַ מיט איז פאַר אים, ווי פאַר יעדן פאַראַן?
אַז צו איר געהער זיין ליכט און זיין טרער,
און פון בלוטנדע פיס יעדער שפּאַן?
ווער ווייסט? ווער ווייסט? די קייט איז שווער,
מיר גייען פאַרפרעסט, מאַן לעבן מאַן.

## ׳די רוסישע באַלאַדע׳

א וואַגאָן מיט בלויען מאַכאָרקע־רויך,
א וואַגאָן מיט שווערע פּויערישע רייד,
בלאַנד, ווי דער האַרבסט איז סערגיי יעסיענין,
קיילעכדיק, ווי אַן עפּל איז די פרייד.

די וועלט איז נים פאַר דיכטער געמאַכט,
נאָר פאַר מענטשן, וואָס ווייסן, וואָס זיי ווילן,
איינער לעשט זיין בענקשאַפט מיט סאַמאָגאָנקע,
דער צווייטער פּרוווט זי מיט דער געשיכטע שטילן,
עד, די געשיכטע, די געשיכטע, איז א וווּנדער־פרוי,
מיט שווערע ברוסטן און גרינע אויגן,
איינער גייט אויס פון אירע קושן,
באַרן צווייטן מוז זי איר קאָפּ פאַרבויגן.

אויפן קרעמל פּלאַטערט די רויטע פאָן,
מיט רויטע סטענגעס איז געפלאָכטן דער געשיכטעס צאָפּ,
מיט אַ גרויען קאָפּ שלייכט ארום דאָס געוויסן,
צען יאָר נאָך יעדער רעוואָלוציע האַקט מען אים אָפּ.

׳א טויט די עס־ערן, די מענשעוויקעס אויך׳,
יעדער פּרעגעד איז אין דער צוקונפט אַ פאַררעטער,
דאָס פאָלק גייט מיטן ווינט און ער איז באָלשעוויסטיש,
׳אין שטייג די זון ביז ס׳קומט דער רעגן־וועטער׳,

׳זעלבסט־מאָרד, איז צו א גרויסע פּריווילעגיע׳,
רעוועט מאַיאַקאָווסקי אויף יעסיענינס טויט,
די פּריווילעגיע האָבן ליריקער און הינט,
׳משעקיסטן׳ מוזן גיסן אייל צום לעבנס־קנויט.

דו, רויטער קנויט, דו, ברענענעדיקער קנויט,
גאַנץ רוסלאַנד ציטערט און גייט אויס אין דיין פלאַם.
בלאַקס דרייצנטער זיצט אין סיביר,
און לוסטיק טענצלט דיעמיאַנס גראַם.

'וועלט רעוואָלוציע, וועלט אין פלאַמען',
'קאַפּיר אייראָפּע אונזערע סאָוויעטן',
'שנייד אָפּ לבנה־ליכט און סענטימענטן',
'דעם נעכטן דאַרף מען מיט נעגל־שיך פאַרטרעטן'.

דאַך ווי אַ פּוכיק בעט איז ווייך דער נעכטן,
פאַרלוירן וואַכט אויף שליאַכן דער רוסישער מוזשיק,
און אויף די שפּיצן פון באַגנעטן,
גייט אויס אין בלוט דער טרוים פון גליק.

'איז אַז אַ גליק זאָל וואַקסן רוסלאַנד'
דער קליגסטער אויפן קרעמל האָט זיך צו דעם דערגראַבן,
ס'איז גליק אַ טרוים, און טרוימען לאָזן זיך באַשטעלן,
אויף לעניִנס מאַוזאָלעום קראַקענען די ראָבן...

ראָבן קען מען מיט ביקסן־שאָס פאַריאָגן,
און מיט אַ שאָס קען מען פאַרשטילן אַלע פרעגער.
די צייט איז ניט קיין פילאָזאָף און ניט קיין קינד,
זי איז אַ שטומער מיטה־טרעגער.

דאָס הויכע הויז איז העכער פון דעם העכסטן מענטש,
צען דורות מעגן אויסגיין, אַבי ס'זאָל די געביידע בלייבן,
דער אמת איז אַ בוד פון בלוט און שכל,
אָבער דעם בוד קען יעדער שטאַרקער איבערשרייבן.

איז זינגט אַ ליד צום שטאַרקן, זינגט, רוסלאַנדס קינדער,
אַ ליד צום מאַן, וואָס שאַפט דאָס לעבן מיטן טויט.

א ליד צו אַלע בויער פון דער לוביאַנקע,
וואָס גיסן אייל צו רוסלאַנדס לעבנס־קנויט.

א וואָגאָן מיט בלויען מאַכאָרקע־רויך,
א וואָגאָן מיט שווערע פויערישע רייד,
בלאָקס קריסטוס זיצט געשמיט אין סיביר,
און זוכט פאַר זיין קייט נאָך אַלץ א באשייד...

# שלאָף מיין קינד

א וויג־ליד זינג איך דיר מיין קינד;
דער זייגער שלאָגט די צוועלפטע שעה,
די בלינדע נאַכט זיצט אויפן שוועל,
און קיין משיח איז ניטאָ.

די וועלט האָט אונז ניט ליב מיין קינד,
זי הענגט אונז אויס אויף אלע וועגן,
'פאַרוואָס?' א קינד דאַרף בעסער שווייגן,
און גרויסע זענען מיד צופרעגן.

שלאָף, מיין קינד. ס'איז איצטער שטיל,
דער מערדער כראָפּעט אין זיין בעט,
וואַקסט שנעל אין ווייסן שטערן־ליכט,
ווי גראָז אויף שטיין ליב אן געבעט.

גאָט איז אַ העלד פון שיינע לידער,
אויף מערדער שפּרייט זיך ניט זיין מאַכט,
ער צוויבערט אונז אין טויזנט פּערזן,
און שטיל מיר ווערן אומגעבראַכט.

די וועלט האָט אונז ניט ליב, מיין קינד,
און העלפן קען אונז קיינער, קיינער,
באַצאָל, ווייל יודאַש איז געמיין,
באַצאָל, ווייל קריסטוס איז א ריינער!

באַצאָל, פאַר זיפּץ פון בעטלער הענט,
באַצאָל, פאַר קלונג פון גאָלדן געלט,
באַצאָל, דו אייביקער באַצאָלער,
דו ביסט דער אויסקויף פון דער וועלט.

׳באצאל, באצאלו׳ כ׳בין מיד צו צאלן,
עלאף איין מיין קינד, דיין טאג קומט אן,
די וועלט האט טויזנט שיינע פענער,
מיר שטארבן אויס ביי יעדער פאן.

דאך פענער זינקען ניט אראפ,
ווען אונזער בלוט רינט אויס,
און ווייל דאס טוט מיר מאדנע וויי,
דריק איך מיין קאפ צו צו דיין שויס.

כ׳איז אומעטיק אויף אונזער וועלט,
ווער ס׳דערפילט דאס שטארבט פיל מאל,
און פיל מאל שטארבן, הייסט פיל מאל לעבן,
הייסט פיל מאל גיין פון בארג אין טאל.

כ׳האב אלץ פארזוכט שוין אין מיין גאנג
פארבלוטיקט העננען מיינע פיס,
יעדער טראט פון דער דערקענונג,
איז דאך אין לייב א ריס.

פיל קברים האב איך דורכגעגראבן,
פילע מידע קעפ געגלעט,
דעם בייזן גורל ניט באזיגט,
בלויז זיך פארשפילט אין א פאעט.

דו הערסט, דו הערסט ווי ס׳וויינט מיין מזל,
אויסגעדארטע, קרומע בוימער,
ווען דו וועסט אויסגייען, ווען דו וועסט אויסגיין,
וועט שוין פארשווינדן דער לעצטער טרוימער.

זעסטו איך חלום, ווי ס׳קלאגן וועגנט?
מיט מאנונג איז דאך אלץ פארפילט,

ב א צ א ל ! ווייל האסט מיט דיינע הענט,
גאַטס פּנים איינמאל אפּגעהילט.

שלאָף, מיין קינד, די נאַכט איז בלינד,
דער זייגער האָט שוין איינס געשלאָגן,
ע׳ס ווייגט איך מיר דאָס לעצטע וואָרט!
נאָר ס׳לעצטע וואָרט טאָר מען ניט זאָגן...

# אויף קיין תליה בין איך נישט געהאַנגען

אויף קיין תליה בין איך ניט געהאַנגען
אין מיידאנעק בין איך ניט געווען,
דאַך פאַרגיב מיר ס׳טעגלעך ברויט,
כ׳האָב דיין אומקום יעדער נאַכט געזען.

כאָטש דער ערגסטער חלום,
איז ניט גלייך צו פּראָסטער וואָר,
דאַך פאַרגיב מיר היינט מיין ברויט,
ווייל דער חלום מיינער ציט זיך שוין זעקס יאָר.

אויפן ראַנד פון ווייסן צימער,
לייגט זיך אַ פאַרקוילטע האַנט,
כ׳טרעט אריבער דאָן אַ שוועל,
און איך בין אין יידן־לאַנד.

כ׳דריי זיך צווישן שטילע גריבער,
יעדער גרוב ווערט מיר אַ בעט,
זיי מיר מוחל אש פון מענטש,
פאַר מיין הארץ, וואָס רעדט און רעדט.

הילפלאָז איז מיין וואָרט, ווי גראָז,
ווי אַ צווייג אין הארבסט פאַרדאַרט.
כ׳האָב געמשפט זיך מיט גאָט,
נאָר ער האָט מיך אָפּגענאַרט.

איז אַ נאַרעניש מיין לעבן,
כ׳טרייסט דיך מיט דעם צאַרטסטן ליגן,
און איך בעט ביי דיר פאַרגעבונג,
אויך דערפאַר וואָס כ׳קען ניט זיגן.

זיגער זינגען וועגן בלוט,
און זיי מישן בלוט מיט וויין,
איך מיש, אָבער, טויט מיט ליבע,
און ברעך אויף דעם ראַנד פון זיין.

כ׳איז מיין תליה שוין געהובלט,
מיטן קאָפּ גרייכט זי די שטערן,
כ׳קום היינט צו דיין קבר, ברודער,
טרייהייט נאָכאַמאָל צו שווערן.

אין דעם גרויסן יידן־טויט,
גלייכן זיך די דורות אויס,
כ׳פאַל היינט קליין אין קאַלטן שטויב,
מאָרגן שטאַרב איך גרויס.

אין מיידאַנעק בין איך ניט געווען,
דורך מיידאַנעק לויפט, אָבער מיין זיין,
זיי מיר מוחל אש פון מענטש,
וואָס מיין גלויבן איז דיין פּיין.

נאָך מיין אָפּגיין וועט א קינד,
אויך מיין טויט דורך לענדער טראָגן,
צוליב וואָס?....
גאָט, וואָס האָט מיך אָפּגענאַרט,
וויל עס מיר ניט זאָגן...

# משיח אין מײדאַנעק

משיח איז אין מײדאַנעק אויסגעגאַנגען,
איך האָב געזען זײַן העמדל און די צעפּליקטע שיך,
אויף מילע גאַס האָט אים א רויטער דײַטש געפאַנגען,
און ס'האָט דער באַן פאַרצויגן אים פּײַפנדיק און גיך.

די געלע לאַטע האָט ער, ווי יעדערער געטראָגן,
און צווישן אונז פיל לידער אָנגעשריבן,
זײַן שטערן האָט געהעלט ווי ליטווישע פאַרטאָגן,
פאַר דער תּליה האָט מען די העלקייט אויסגעקליבן.

באַגלייט פון פּופּצן וועכטער האָט ער געשפּאַנט,
א דיקער דײַטש האָט אים דאָס מויל פאַרשמירט מיט בלאָטע,
די רו האָט, ווי א טויב געוואָרקעט אין זײַן האַנט,
און ס'האָט א ווייַנענדיקס געשפּילט דער ווינט אויף זײַן קאַפּאָטע.

א צענדליק יידן האָבן באַגלייט זײַן יעדן טראָט,
א צענדליק יידן האָבן דעם לעצטן נס דערוואַרט,
נאָר ס'קען קיין נסים ניט דער זון פון גאָט,
ר'האָט בלייך געשמייכלט, ווי איינער וואָס האָט אָפּגענאַרט.

דער דיקער דײַטש האָט דאַן באַפוילן: זינג!
און ס'האָט משיח א געטאָ־ליד פאַרצויגן,
מיר האָבן אויפגעלויכט — א פלעמל־רינג,
נאָר ער האָט אונז פאַרלאָשן מיט אומעט פון די אויגן.

און ס'האָט דער דײַטש געזאָגט: האָסט מורא?
געענטפערט האָט משיח: יאָ, דאָס איז, וואָס איך פיל,
מײַן פאָלק האָט פאַרן לעבן געהיט א גרויסע תּורה,
נאָר דו האָסט פון דעם לעבן געמאַכט א שלעכטע שפּיל.

דער דייטש האט מיט דער ביקס משיחן געשלאגן,
דאך ער האט זייגס דעררעט: ס׳איז איצט א חרפה לעבן,
איין ייד האט אויסגעיאמערט: האסטו שוין מערניט וואס צוזאגן?
און זיך א ווײנענדער צו אים א ריס געגעבן.

געלאכט האבן די וועכטער און ברייט די הענט צענומען,
און ס׳האט דער ייד געבעטן: א מעסער צי ארויס.
א זיך פון אונזער פיין, שטאלץ פון אונזער שטומען,
זיי, ווי די וווּנד אין אונזער לייב ברענענדיק און גרויס!

די וועכטער האבן אים געבונדן און אויך אים מיטגעשלעפט,
ער האט משיחן געקושט און אים געשאלטן און געבי׳סן,
מען האט געשמיסן זיי, דאס בלוט האט זיי צונויפגעקלעפט,
און ערשט דער טויט האטביידע לייבער אפגעריסן.

געשוויגן האבן אלע יידן. דער לעצטער מאנער איז אוועק,
און קיין צוואה האט אונז משיח ניט געלאזן,
מיר האבן זיך אוועקגעלייגט: פוסטע לעכערדיקע זעק,
די נאכט האט שטיל געשפאנט איבער פאראשטע גראזן.

באגינען האט מען געטריבן אונז צו גראבן גריבער,
דער לאפעטע האט יעדערער איר רו איצט ניט פארגונען,
ס׳האט אונז די שרעק געשליידערט, א געלער פיבער,
בן, יא, געלעבט, געפגרט און גארנישט ניט באנומען.

און דאן האבן געזאגט די וועכטער: ס׳איז אלץ שוין גרייט,
אריין איז יעדער אין זיין גרוב, דעם דעק באטראכט,
דער אוונט האט זיין בלויען צויבער איבער די קעפ צעשפרייט,
און פלוצלונג האט זיך איינער אין אונזער ריי צעלאכט.

׳ער לעבט׳ — האט ער געשריען — ׳ער לעבט מיין גאט׳
׳ער לעבט׳ — האט יעדער נאכגעזאגט פארלאכנדיק דעם פיין,

די וועכטער האָבן אויפגעציטערט, פאַרשוווּנדן איז דער שפּאַט,
און ס׳איז משיח ווידער אין לעבנס־רינג אַריין.

דאַן האָט מען אויפגעעפנט אויף אונז אַ שיסעריי,
מיט שווערע יידן האָט זיך די ערד פאַרדעקט,
דאָך יעדער לעבנדער האָט אַלץ געזונגען פאַרן טויט,
און האָט מיט שנירלעך בלוט זיין טרוים אַדורכגעוועבט.

פון מתים־גרוב בין איך דער איינציקער אַרויסגעקומען,
איך בין געגאַנגען לאַנג, צו קיינעם ניט דערגאַנגען,
מיין לייב האָט טויזנט וועגן אין זיך אַריינגענומען,
דאָך משיחס אומוועג האַלט מיך ביז איצט געפאַנגען...

## צו דער זון

1

זון, צו דיר זינג איך א ליד פון פינסטערניש ארויס,
א ליד פון שווערער ליבע, פון בלינדער שרעק און אלטן צער,
אין מיר ליגט איינגעבראָכן שערבלדיק שוין יעדער גרויס.
כ׳האָב פיינט די שערבלעך און גיין אויף יעדער דראָענדער געפאַר.
עס זינגט א מידער מאַן, אַ גייסט פון שאָטן־לאַנד,
אן אָרימער, ווי אַלע דאָ, אן איינזאמער, ווי ווייניק ווער.
איך זינג און טרעט אריבער דעם ווייטיק־ווייטסטן ראַנד,
און ווער מיט שטיקער וואָרט, ווי מיט באַלאסטן שווער.

הער, מיין ליד, כ׳שטיי אויסגעטאָן פון אַלע טעג,
זע מיין בענקשאפט, א הוילע צווייג רייסט זיך ארויף,
איך בעט א שטראל אויף שטיילן, מיילן וועג,
אַ ווייסע האַנט, וואָס ברעכט די טונקלעניש פון אלע תהומען אויף.

איך קום און רייד מיט ווערטער אויס פאַר דיר,
מיין לעבן, וואָס איז די שטילקייט בלויז אַליין,
דער טויט האָט אָנגעקלאַפּט היינט אין מיין טיר,
און איך בין פול איבערן ראַנד מיט שטיקנדן געוויין.
ער האָט צו מיר גערעט: כ׳בין איצטער ניט אויף לאַנג,
איך וויל דיך גרויסן בלויז פון די, וואָס קענען מער ניט גריסן,
און ווי א קראַנקער שאָטן האָט ער געוויגט זיך אַן א קלאַנג,
ביז ר׳האָט זיך ווי א פלעדער־מויז צו מיר אריינגעריסן,
אין ווינקל צימער, ביים סופיט איז ער א הענגנדער געבליבן,
די פיס ארויף דעם קאָפּ אראָפּ, האָט ער א טונקעלער גערוט,

דאָן שטיל געזאָגט: ווייס דיר איז צו לעבן נאָך פאַרשריבן,
צו שלאַכטן און צו פילן די קלעפּיקייט פון אייגן בלוט.
איך האָב דיך ליב, נו, ביסט מיין ליבלינג, דיר איז באַשטימט,
רייסן זיך, בלאָנדזשען, און אייגנע טריט אויף אַלע וועגן אָפּגעפּינען,
זען, אַז ס׳האָט דיין טרוים מיט גרעסטן ליכט געשטימט
און ווי דאָס ליכט האָט אויך דיין טרוים געמוזט אין פינסטערניש
צערינען.
און דיר איז אויך פאַרשריבן, אַ וווּנדער־נעץ צו פלעכטן,
פאַרוואָרפן זי צום טיפסטן גרונט און זי מיט מי אַרויסצורייסן,
און זען, אַז זי האָט אין איר וועבונג בלויז דיין נעכטן,
קניפּן, וואָס האָסט אַליין געקניפּט און וואָס לאָזן זיך ניט איבערבייסן.
און דאַן קען זיין איז רעגן־גוס, אָדער אין שאַרפן ווינט,
ערגעץ אין מיטן ים, אָדער ביים ברעג, אָדער אין שטילער גאַס,
וועל איך דיך אָננעמען ביים האַנט און זאָגן: קינד!
און וועכט דערשרעקן זיך און שטאַרבן, ווי אַלע שטאַרבן: גרינלעך־בלאַס.

דאָס האָט ער מיר געזאָגט, און דאַן פאַרשוווּנדן,
ס׳איז אַלץ געוואָרן קלאָר, איך האָב מיין טויט דערקענט,
דאָס וואָרט האָט ווי אַ האַרטע שטריק מיין לייב אַרומגעבונדן,
און קאַלט און פרעמד האָבן געדריקט מיין פּנים מידע הענט.
איך האָב געהאַרכט ביים ברעג פון לעבן דאָס רוישן פון ניט זיין,
אַ טייך האָט אויפגעריסן און איז מיט טויזנט פּיס געגאַנגען
דער הימל האָט זיך אויסגעלאָשן, ווי אינם ווינט אַ שיין,
דער באַלקן — אַ ברוינער לײַלעך איז איבער מיר געהאַנגען.
דאַך איך האָב ניט געוויינט, און ניט פאַרהאַקט די טיר,
און ניט געבראַכט קיין פּרווי, וואָס זאָל מיך מוזן גלעטן,
איך האָב בלויז אויסגעשטרעקט די האַנט, מיין זון, צו דיר,
און דאָס געבעט פון מענטשן געגומען בעטן.

2

אָ, גיב אונז מוטער העלע טעג און אָוונטן צעגליטע,
פרימאָרגנס קילע, מיטאָג־שעהען מיט גאָלד פאַרפּילט,
גיב כוח דורכצוגיין דורך קברים פריש־געשיטע,
ליכטיקע, מיט טויזנט שטראַלן ארומגעהילט,
אין אומעט — איז יעדער שוואַך, אין פּחד — שלעכט,
אין דער פאַרגעסונג ציט יעדער א מעסער פלינק ארויס,
דאָס בלוט, דאָס בלוט אַליין איז אין אונז עכט,
נאָר פונם בלוט איז גאָט צוזאַמען מיטן שד ארויס.
אָ, זון, מוטער אייביקע, באַלייכט ניט אונזער זינד,
באַלייכט ניט אַלע יאַטקעס און אַלע קאַמערן פון פּיין,
באַלייכט ניט אַלע, וואָס זענען שטום און לאָם און בלינד,
באַלייכט ניט אַלע גאַסן־פרויען און אַלע טראָפּנס וויינענד ווייך,
באַלייכט דאָס גרויסע, וואָס האָט קיין נאָמען ניט, באַלייכט דעם דראַנג
פון קנאָספּ צו אויפפלאַצן, פון גראָז צו גרינען,
באַלייכט דאָס קראַנקע האַרץ, וואָס טראָגט געזאַנג,
די ליפּן, וואָס ווילן צו דיר דינען.

אָ, מוטער אייביקע, באַלייכט ניט אונזע שווערסטע זינד,
באַלייכט ניט שלאַכט־פעלדער מיט ביינער און תפיסות איבערפילט,
גיב אונז אַז אַנדער וואָר, א מענטש איז דאָך א קינד,
ער קען אומשולדיק שמייכלען, כאָטש זיינע הענט האָבן מיט בלוט געשפּילט.
באַלייכט די הויכע בערג, וווּ ס'איז קיין פוס נאָך ניט געווען,
די ווייטסטע־ווייט, וואָס איז ביז איצט פאַר אונז פאַרשלאָסן,
לאָז אונז א פעלד, א בליענדיקס מיט קינדער לאַכנדע דערזען,
און זאָל דאָס שלעכטס, ווי שמוציק וואַסער ווערן אָפּגעפלאָסן.
גוטע — מיר וועלן גוטסקייט שאַפן, פרייע — מיר וועלן שלעכטס פאַרגעבן,
מיר וועלן זאָגן: זעט, מיר קענען קיינמאָל ניט פאַרגיין,
און ווי א זאַק מיט קאָרן מיר וועלן טראָגן ס'פולע לעבן,
און די וואָס זענען קרעציק און פאַרלאָזט ניט לאָזן מער אַליין.

3

אָ זה, אַז דיר מיר קענען ווייניק, אַזוי ווייניק,
איך נעם פאַר דיר צונויף דעם טאָט פון מענטשנס הענט,
כ'האָב אַלץ געטאָן, ס'איז יעדער מיט זיין מין דאָך אייניק,
זאָל אונזער קענען דורך דיר אויך זיין דערקענט.
הער!
מיט הענט מיר קענען אויסווישן פון אויג די טרערן,
און אָפּוואַשן דעם שמוץ, וואָס קלעפּט צו אונזער לייב,
מיט אויפגעדרייטע פינגער מיר קענען קלאַפּן זיך און שווערן,
און מיט פינגער אויסגעגלייכט, מיר קענען גלעטן ס'ליבסטע ווייב.
און מיט די זעלבע פינגער, וואָס ווערן אָנגעדראָלן פון הענגען אויף אראָפּ
מיר קענען צונייען א קנעפּל און אויפציען דעם האַרטן פּאָס.
אויסקראַצן דאָס ביסל וואַרעם זופּ אין שוואַרצן טאָפּ,
און שפּאַנען קנייפּנדיק די קעשענעס, ווען ס'רייצט די גאָס.
און אויכעט מיט די זעלבע, מיר פּאַכן טיכלעך, ווען ס'פּאַרט א ליבער אָפּ,
און טראָגן גרעט שטיל פּאַר אַ חבר, וואָס גוססט אין שפּיטאָל,
מיט הענט ווי צוואַנגען מיר קענען רייסן א יעדער גאָלד-געקרוינטן קאָפּ,
און צושטיקן אויף שטענדיק אין האַלדז דאָס וויינענד יקע קול.
און נאָך,
אָט, מיט די זעלבע הענט מיר קענען לאָמפּן ווייס צעצינדן,
און צווישן זיי, ווי אויסגעברענטע לייכטער שטיין,
הינט אַ נומערן, אין גאָס געכאַפּט, די הויט צעשינדן,
און דאָן אין אויגן שטום-פּאַראַלייזטע, דערקענען זיך אַלייז.
און מיט די הענט, מיר קענען בריקן שטעלן,
און אַזערעס פּאַרטריקענען און צום פּאַרזיי די ערד צעשניידן,
אין שפּיגל, ווען ס'עסט זיך איין דאָס פּנים, דאָס פּנים זיך פּאַרשטעלן,
און ווען עס וויינט דאָס האַרץ בוים און גראָז מאַכן ליידן.

נאָר מיט די הענט מיר קענען ניט קיין אייביק ליכט באַשאַפֿן,
וואָס זאָל דורך רוימען שווימען, וואָס זאָל די פעלדער מאַכן גרין,
וואָס זאָל באַלייכטן ערגעץ א ווייטן, בלויען, שטילן האַפן,
וואָס זאָל אויף שטאַרן ציטערן גאָלדיק, דורכזיכטיק און דין.

דו קענסט עס בלויז אַליין, און דו קענסט אויך אין פרייד,
אין קינדער־יאָרן־לויף און אין דעם אלטן וועג צו רו,
אויפגיין אויף העכסטער בארג־הויך, ווי א באַשייד
פון אַלע טעג, און אויך די לעצטע טרייסט ביסטו.

אין אַלע רגעס, אויף אַלע שוועלן, דורך אַלע שערבלעך שויבן,
וואַקסטו אויס, און גייסט אונז נאָך און יאָגסט אונז איבעך, כדי
צוריק צוקומען
און ס׳ווייסט דער גייער: דאָ אויף דער ערד טרעט איך, פון איר קען
איך זיך ניט דערהויבן,
און ער פאַררייסט דעם קאָפּ און גאַפט צו דיר, ווי אַלע שטיינער און
אַלע זאַמדן און אַלע בלומען.

4

א מענטשן־שטאַם, א הילפסלאָזער האָט זיך פאַרבענקט דערקענען
די לעצטע טונקלעניש, גוטס און שלעכטס, בלוט און ווייך.
און דאָן איז שרעק פאַרן דערקענטן, ניט־גלויביקע געגומען ברענען
דעם שווערסטן אומרו וויל מען פון אייביק אָן דערשטיקן אין פרעמדן פּייך.
נאָר איך וויל ווייטער זען פון פּייך, זאָל די פאַרגעסונג זיין צעהעלט,
זען, הייליק פייער, נעם אַלע ליגנס פון מיר צו,
כ׳וויל ניט מיין שוואַכקייט זאָל דורך די שוואַכסטע זיין פאַרשטעלט,
איך בעט ניט קיין געלעגער און ניט קיין אויסגעגלעטע רו.

די קלאָרקייט וויל איך זען, באַגרייפן זי מיט מיין געביין,
מיט לעפלען פון די אויגן, מיט דינע פינגער־שפּיצן,
איך וויל זי זאָל אַראָפּרינען, ווי זאַפט אויף מיינע ציין,
און ווי אן אַנגעגליטער אייזן זיך אין מיין לייב פאַרקריצן.

און דאָן וועל איך אַלץ זאָגן, ווי די וואָס קענען ניט די מענטשן־שפּראַך,
ווי ס׳זאָגט דער שפּאַרבער אויפן בארג, די שלאַנג צום שטויב פאַרפרעסט,
ווי ס׳זאָגט די ווערבע ביי דעם טייך, אין קרעטשמע־שטוב דער אַלטער
דאַך.

ווי ס׳זאָגט קעגן לבנה־שיין א פּוסטע, קיילעכדיקע נעסט.
דעם אמת וויל איך קענען, אין ליבע וויל איך גלייך דיר ווערן,
און דאַן פאַרפלעכטן זיך מיט דיר און אויסגיין אין דיין אוונט־רויט.
איך וויל ניט שטאַרבן, ווי ס׳שטאַרבן אַלע מיט הייסע טרערן,
פון קראַנקן בעט וויל איך פאַרגיין באַזיגנדיק דעם טויט.

צ. זע, איך האָב געליטן, און האָב מיין וווּנד אַליין געהיילט,
איך האָב געליבט און האָב מיין ליבע אַליין צעבראָכן.
דער נאָר אין מיר האָט אַלע שטערנס אויסגעציילט,
דאָך האָט ער זיך דורך שיינע ווערטער קיין אויסלייז ניט פאַרשפּראָכן.

זע, איך שטיי פאַר דיר נאַקעט און פאַרלאָזן און אַליין,
איך שטיי מיט הענט געשטרעקטע, נעם פייער מיך אַרום!
ס׳איז מיך פון לאַנגן וועג מיין לייב און מיך אויך דאָס געבליין,
דאָס האַרץ בלויז, ווי א טיר איז ווינט, שליידערט זיך און בלייבט ניט שטום.

5

איך זאָג וואָס כ׳זע: אַט צייכנט זיך פאַר מיר א קרייז,
אין אים א ברונעם, א דערפל, צוויי קינדער און א טייך,
א סאָסנע וועלדל, א שוואַרצער צלם, א שטילער גרייז,
און אויך א וועג, א זאַמדיקער, וואָס פירט צום הימל גלייך.

איך זע מיין שטוב, מיין פענסטער, א שטיקל ווייט,
א קרומען שטול, א בוד, א העפט מיט זייטלעך ניט דערשריבן,
א זייגער, וואָס ציילט און ציילט די טראָפּנס פון דער צייט,
און א שמעטערלינג, וואָס איז פאַרקלעבט צום לאָמפּ געבליבן.

און איך זע אין דער שיין, וואָס פליסט אַראָפּ,
דאָס בילד פון מיינע עלטערן, נאָך יונג, שטיל אַרומגענומען,
דער פאָטער קוקט פאַר זיך, די מוטער האַלט צו אים דעם קאָפּ,
און הינטער זיי בליִען שוין לאַנג פאַרבליטע בלומען.

איך זע און לאַד, מיר דאַכט, איך בין אין צויבער־ראַד,
איז דאָס דערפילונג? איך בין געווינט שטענדיק ניט דערהערט צו בלייבן?

זון, פאַרזינק איך איצט דען אין דעם העלקייטס־סוד,
און ס׳קען אין מיר שוין גאָרניט פון דער טונקלעניש פאַרבלייבן?

6

איך רייד ניט מיינע רייד, איך זאָג: ס׳איז איינפאַך אַלץ געווען,
דיין ערד האָט בלויז געוואָלט זאָלסט זי פאַרזייען,
דאָס ליבסטע מיידל דו זאָלסט איר שטילן צער דערזען,
און די פאַרגעסענע, דו זאָלסט זיך פאַר איר אויג ניט פרייען.

דאָס קינד ביים ראַג האָט בלויז געוואָלט אַ צאַרטן גלעט,
דער גרויער וואַגלער: אַ ווייסן האַנטוך, אַ שיסל וואַסער, אַ שטילן קישן,
דיין שוועל, וואָס האָט פאַרבראָכן זיך — אַ פּראָסטע נייע ברעט,
דאָס בילד פון שלעכטן מאָלער דו זאָלסט עס אָפּטער ווישן.

די מויז אין צימער — אַ ביסל מעל אויף אומעטיקע צייך,
דער בוידעם — אַ נייע לאַטע דער ווינט זאָל מער ניט קלאָגן.
איז וואָס, אויב פאַר די גרויסע זענען די וויגן שוין צו קליין,
איז וואָס, אויב ס׳וועלקן יעדער האַרבסט בוים און גראָזן?

7

איך ענדיקריידן ניט מיינע רייד, איך שטיי פאַר דיר מיין שיין,
איך לעב אין זיך און בין ווי ס׳ליכט צעגליט און שטיל,
איך פרעג ניט מער, וואָס איז דער לוין פאַר בלוט און פּיין,
איך בין דער לוין אַליין! אַ ניין, כ׳בין ניט איין לויז, כ׳בין לוינען פיל!

און ס׳דאַכט זיך מיר דער טויט, וואָס איז געקומען אין מיין שטוב,
האָט ווי דאָס לעבן, האָט ווי דער טייך דערמאָנט אין אייביקן צערינען,

עס שיט זיך פֿאַר מיר אויף די טיפֿסטע, שטילסטע גרוב,
און אויף איר דעק איז מיר באַשטימט מ יי ן לעצטן־לעצט געפֿינען.

און אַט געפֿין איך אים... טרוים צו וואָר? אַלץ איינס, כ׳שריי אויס:
מאַן, פֿאַרצווייפֿל ניט! גיי מיטן ברייטן זונען־וועג,
נעם טעג און נעכט, אַלץ איז פֿאַר דיר, דאָך פֿונם אַלץ מוזטו אַרויס,
דעם חוב, וואָס האָסט געהאַט און האָסט באַצאָלט איז דיין פֿאַרמעג.

דאָס אָפּגעטאָענע רייסט זיך ווי ליכט צום רוים אַרויף.
אַ שטאָם פֿון שטויב און ליים קען זיך איז דראַנג צו גאָט דערהויבן,
ס׳איז איצט מיין אויג, ברייט צעמאַכט, ס׳האָט יעדער זיין קרייזן־
לויף,
ווען איך לויב ליכט און וועלט, זע איך זיך אויך אין מיינע לויבן.

און בין איך שוואַך און קליין, דאָך גרויס איז מיין פֿאַרגעבונג.
דער רוים, וואָס לייכט פֿון דיר, זון, איז גרעסער דאָך ווי דו,
שטאַרקער פֿון מיין לייב איז אַלץ, וואָס כ׳פֿיל אַן מיט באַלעבונג.
איך בין איצט ווידער פֿול מיט רו.

און אין דער רו, ווי לעבנס צוויי כ׳זע דיך און זיך,
אָט, באַלד גיב איך מיין תּפֿילה אויף און גיי מיין אַרבעט טאָן,
מיר וועלן שנעל זיך טרעפֿן, דער מאָרגן קומט פֿאַר מידע גיך,
אין אָוונט כ׳זע אַ פֿייער־כמאַרע, דיין פֿלאַטערנדע פֿאָן...

# איך בין געהאנגען לעבן דיר

דו ביסט געהאנגען אויפן צלם — איך לעבן דיר,
דו ביסט געווען גאָט, איך אַ רויבער און ניט מער,
אַ הילפסלאָז קינד האָט זיך פאַרקוקט אויף מיר,
און כ׳האָב צעלאַכט זיך, וואָס געטער שטאַרבן אַזוי שווער.

„אלי, אלי, למה עזבתני?״ — האָסטו געזאָגט,
גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזן מיך?
זע, ס׳האָט גאָט אונז ביידע פון זיך פאַריאָגט,
און מיר, מיר שטאַרבן בלויז נעגל טראַגנדיק אין זיך.

ווי דו בין איך דאָך אויך נאָר זיינס אַ קינד,
נאָר קינדער וואַקסן אַמאָל אויך אויס,
דו האָסט געליבט, ווייל ביסט געווען בלינד,
איך האָב געהאַסט, ווייל כ׳בין פון איר שוין לאַנג אַרויס.

איצט שטאַרבן מיר דאָ ביידע, יאָ, מיר שטאַרבן, קעניג,
די גרויסע ליבע שרעקט, ווי דער גרויסער האַס,
מענטש באַדייט: זיי אונטערטעניק!
דאָס לעבן טאָר ניט זיין צו גרויס, ווייל ס׳איז אַ געטערשפּאַס.

די ווייסט, ווי איך, אַז ס׳איז די זון ניט שלעכט, ניט גוט,
און אַז די קבר־ערד איז גלייך צו דער, וואָס וואַרימט ברויט,
בלויז מענטש איז ליים פאַרקניפּט מיט טרוים; ווילדע בלוט,
וואָס קלערט אויס גוטס און שלעכטס און שעלט דעם טויט.

נאָר גוטס און שלעכטס פאַרוועלקן, ווי גרינע בלעטער,
און איבער אַלעם הענגט דער טויט, גלייך ווי דער הימל,
דער הייגט פאַרגייט און עס פאַרגייט דער רעטער,
און עס פאַרגייט מיין האַס, דיין ליבע, די שטערן, און דער שימל.

דו הייסט עס גוט און דאָך פאַרשפּרעכסטו אַ הימל אויבן,
און לייכטער גנבט מען דעם היינט און קלויסטער־גלאָקן קלינגען העכער,
דאָס מעסער ווערט פאַרשטעקט אונטערן קלייד פון גלויבן,
און ס׳הערן תפיסות אויפגעשטעלט מיט דיין געשטאַלט אויף דעכער.

צו וואָס דער ליגן? וואָס איז דען טויט?
באַנייאונג פון דעם אַלטן, ניט לוין און אויך ניט שטראָף,
אַ זינד איז בלויז צו זיין ביים לעבן אַן אויסגעברענטער קנויט,
און בעטן איך באַגינען אויף נעכט פון גוטן שלאָף.

איך בעט אויף גאָרניט, איך דאַרף ניט קיינעמס טרערן,
מיר קלעקן מיינע, זיי קען ניט וויינען קיינער,
כאָר זיך אַליין מוז מען אַ שווערע טרייהייט שווערן,
און דורכטראָגן אַ ניט געקושטן קוש צעביסן אויף די ציינער.

צו וואָס דאָס בויגן זיך פאַר אַלע לצים, פון דער גאַס?
דאָס קרעכצן פון די שטאַרקע איז זייער גרעסטע פרייד,
דער גאָווער פון די פרומע מאַכט ס׳לעצטע העמד אונז נאַס,
און ס׳שלאָגט אַ מתים־ריח פון זייערע צערעדטע רייד.

פאַרוואָרף דעם ליגן! ער טרייסט די וואַכערניקעס אויך,
איז לעבן געהער דעם מענטשן אַליין, ר׳דאַרף אַלעס ווערן,
איך האָב געוואָלט, זאָל מען איצט לאַכן פון מיין זעקל־בויך,
כ׳וועל ווידער קומען און וועל די טריט דורך מערקלעך שטעלן.

העסט שטומענד וואַכן דאָך אויף אַלע ברייטע וועגן,
העסט שטרעקן זיך צום הימל געשניצט פון האַלץ געקלעבט פון ליים,
דאָך איז מיין לייב וועט ס׳לעבן אַרויס פון אַלע ברעגן,
און זיין וועט מיר די וועלט: מיין לוין, מיין שטראָף, מיין היים.

כ׳וועל איינדריקן אַ שטעקן אין רויטער, לאַנגער האַנט,
און גיין צו מענטשן זאָגן: זעט, איך בין מיין גאָט,

איך דארף ניט קיינעם, מיך קושט דער ווינט אין יעדן לאנד,
און איך דערקען מיר מיינע אן זייער גוטן טראָט.

די מייניקע, זיי גייען שטום און גייען ווייט,
זיי בויגן זיך ניט זייער פלינק און ציען ניט די היט,
גרוי־אויגיקע און שווערע זענען די הארטע לייט,
גלייך צו א שויב אין זון, איז הייס אונזער געמיט.

צי וואס די דערנער־קרענץ, די קרייצן און די שנירלעך בלוט,
איז דען ניט בעסער א יאַדלע, וואס גרייכט אזש צו די שטערן,
א שלאָפנד קינד, א ווייב וואס פוצט דעם מאנס א הוט,
און אין דער סומנער בענקשאפט ס׳געוווי פון שוואַרצע בערן?

איז דען ניט בעסער א קאטערינקע־ליד און א פלעשל האלב־דערטרונקען,
צוויי מילדע אויגן, א זעגל־שיף, א הענדל אויף א פלויט,
און שפעטער טויט... די פלאש איז ווי א גלאָק פאַרזונקען,
א בערגל, א שטיין, און די זון, ווי א בלום — שארלעך־רויט...

יאָ, יאָ, מיר גייען אויס, דאך מיר וועט קיינער ניט פאַרגעסן,
און דיינע ווערטער וועט מען טאָג־איין, טאָג־אויס פארהאנדלען,
ביי דיינע קלויסטערס וועלן בעטלער וויינען: ע ס ן,
און אין די קלויסטערס וועלן פריסטערס דיין בלוט אין גאלד
פארוואנדלען.

שוואַכער גאָט, פאַרוואס זאלסטו פאַרגעבן מיר די זינד?
איז לעבן דען א זינד? זאָג, איך וויל עס הערן,
איז זינדיק דען דער שטורעם, דער רעגן, דער ווילדער ווינט,
וואס ער איז ניט פארשטיינערט אין א ווייסן שטערן?

איז זינדיק דען דער הונט, וואס היט דעם רויבערס פעק?
איז זינדיק יענער מאַן וואס וואַרפט זיך פון דער העכסטער בריק?
א, ניין, זינדיק איז דער רעטער, וואס ברענגט אנשטאָט די העק,
א מילדן טרוים, וואס בינט די שוואַכע ווי א שטריק.

וואס רייד איך? דו האסט די אויגן שוין פארמאכט,
ווי א געשוואלן פנים, וויגט זיך די שטאט בלוי און גרויס,
מיין לייב האט היינט מעשה פאר א טויטע אויסגעטראכט,
אבער, עס ווייסט נאך אלץ ניט, וואס פון א מעשה קומט ארויס...

# מיין פאָלק

## יאָר 1941.....

ביט ווי קיין פינסטערער נביא מיט רויטלעך־שטעכיקע אויגן,
גיי איך שוין יאָרן דורך ראַגן, מערקלעך, געסלעך און שטעט,
כ׳בין גלייך, ווי דאָס פאָלק, וואָס איך האָב אין זיך איינגעזויגן,
און פיינט כ׳האָב שטראָף־רייד פון גרויסע, ווי א מיטה־ברעט.

כ׳בין איינער פון די, וואָס האָט ניט קיין שילדל ביי זיך אויפן טיר
און קיין צעטל מיט שמייכלען, וואָס שמייכלען זיך אויס צו פאַרשידענע געסט,
די ליבע, וואָס כ׳פיל, איז גלייך צו דעם ווייטאָג אין מיר
און דאָס וואָרט — צו דער קנאה, וואָס עקלט זיך איין, וואָס פרעסט.

איך באַהאַלט מיינע הענט, ווייל איך וויל ניט ברייט מיט זיי פאַכן,
כ׳בייג אַראָפּ מיינע קני, ווייל איך וויל ניט קענען אנטרינען,
צ׳ דער ליבע, דער גרעסטער, בין איך אויף פירן דערקראַכן
און די ליבע וויל איך אין פיין ווידער און ווידער פאַרדינען.

יאָ, איך ווייס, כ׳ווייס גוט: וועגן בבל און האַרפּעס און טרערן,
איך ווייס וועגן אויגן פאַרמאַכטע, וועגן לעפּלען ווייסע אַז ווייס,
איך ווייס וועגן מעסערס און בלוט, יידישע קינדער קענען גוט הערן,
און קענען אין חלום מיט אייגענע הענט זיך גלעטן אויף תליות.

אַלץ זאַכן באַקאַנטע: מיט א נגון האָט מען עס שטענדיק געזונגען,
געבויגן די קעפּ און געזאָגט: שווער איז צו זיין א ייד אויף דער וועלט,
די בלעטלעך פון לוח זענען געפאַלן, די זייגערס האָבן געקלונגען,
און חנוכה־ליכטלעך האָבן יאָר־איין, יאָר־אויס זיך געציילט.

ווי א וווּנד כ'האָב דאָס וויסן געהיילט. איז גראָז מיין פאָלק דען אויף קברים,
אַ פייער אויף זומפּן, אַ שטיין פון אַ חורבה, גלאָז פון צעקלאַפּטע שפּיגלען,
איז בלויז דען מיין פאָלק אָן אַש־גרויער האָר צווישן בלעטלעך פון ספרים,
אָדער אפשר אַן אָדלער מיט שטרוי אָנגעפּילט און מיט דראָט אין די פליגלען?

אָ ניין, אָ ניין, ליבן לאָזט זיך בלויז דאָס, וואָס עס לעבט,
נאָך טויטע קען מען אין טרויער בלויז וויינען און בענקען,
ווי אַ בּיין, וואָס ברעכט ניט צוזאַמען, איז דאָס פאָלק אין מיין לייב פאַרקלעבט,
און רעד איך פון ברידער, צאַפּל איך אויף און וויל בלויז דאָס לעבן געדענקען.

איך טראַכט פון די וואָס איך ליב: ניט גרויס זענען זייערע שטיבער,
ניט הייליק, ניט ריין, די טירן פאַרמאַכט, די גאַנקעס פול גרעט,
מיינע קרעמערס האָבן פאַרזאָלצענעם הערינג, די מעקלערס־פּיבער,
און די בעטלער, וואָס גייען דאָרט אום, שלעפן אין הונגער, איז בייזן, ביז שפּעט.

די גאַסן פלעכטן זיך איבער, ווי שווערע, פאַרטריקנטע צווייגן,
זיי זענען שמאָל, פול קרומע געלענקען, פול שאָטנס, ווי קנאַכיקע הענט,
עס יאָמערן דאָרט צעצויגן די קעץ, די פויגל דאָרטן פאַרשווייגן,
און אין אָוונטן וויגן זיך שטיל ווי עלנטע באָבעס, עלנטע ווענט.

די מענער, די דאָרטיקע זענען ניט שיין, ניט ברייט, ניט שיכור פון ליכט,
די פרויען שמאָלע, צו דרייסיק שוין אַלט, זענען צו געל און צו גוט,
אויף יום־טובים פינקלען דאָרט וויינען גאָלדיק־געדיכט.
דאָך ווערן ד מענער ניט פריידיק פון וויין, נאָר פון רייד וועגן מענטשלעכן־מוט.

אַט דאָרט כ׳בין געוואַקסן, מיט חברים געדעדט וועגן ימים און שטעט,
ביכער געלייענט, געליבט זיך, ראַזירט זיך און שירים געשריבן,
צו פּופּצן געזאָגט זיך: נו הייל זיך, הייל זיך, ס׳ווערט שפּעט,
און זיך יאָרן און יאָרן צו היילן געקליבן...

נאָר גענוג, כ׳קום אהער ניט דעם שטיב פון מיין וויג אָפּצווישן,
כ׳וויל פאַרבלאָנדזשען אין גאַסן, וואָס כ׳קען ווי די פינגער פון האַנט,
איך גאָר זיך צוריק, אין אייביקן דראַנג, מיט מיינע פּאַרמישן
און פאַרדעקן מיט יידישן וואָרט מיין געמיט, ווי דאָס לייב מיט א
וואַרעם געוואַנט.

איך וויים: עס פּעדלען איצט לייט מיט טרערן פאַרגאָסן און בלוט
אויסגערונען,
זיי רעדן ערנסט און לאַנג פון אייביקן פאָלק און געטלעכע וועגן,
עס וואַרפן די צוהערערס גראַשן... ס׳איז שיין, ווען א קינד האָט זיין
שטאָם אָפּגעפונען,
פון גראַשנס און גראַשנס, אויף גוטע פּראָצענטער, וועט ווערן אַמאָל
א פאַרמעגן.

זאָל וואַקסן ס׳פאַרמעגן, זאָלן פרײדיקער איינמאָנען אומעטום געלט,
זאָלן רעדנער פאַרלאָזן זיך פּרעכטיקע בערד און מורמלען באַשיידן,
זאָלן מעקלערס פון טרויער אין קרעפּע אַרומבינדן דריי מאָל די וועלט,
איך קום, ווי שטענדיק מיט אָרעמע ווערטער, מיין אָרעמע ליבע
באַריידן:

— ווער ס׳קלייבט זיך א לאַגער, טוט גוט, ווער ס׳קלייבט זיך א פאָלק
איז געמיין,
כ׳בין דאָס וואָס איך בין און בין איך ניט גוט גאָר איך זיין בעסער,
מיין פאָלק איז אין מיר דאָס אויג, וואָס דערקענט זיך אַליין,
ביין לייב, וואָס גאָרט ווערן דאָפּלט, צענפאַך און גרעסער.

ווען איך רעד צו מיין שטאם, איך רעד צו זיך, איך זאג:
א ליגן איז זיכער, אז איך בין באשיידן, געהארכזאם און מילד,
אויב גאט וואלט געוועז בלויז האר פון די פרומע — א תליה געשטעלט
ר'וואלט אין ראג,
און מיך און מיין חברה געהאנגען, ווייל אין גלויבן מיר זענען ביז
זינדיקייט ווילד.

דאך גאט איז האר פון די שוואכע, דערפאר ווילן מיר אים פארגעסן,
'יהוה'ס קינדער' א נארישער נאמען פון אונזערע נארישע פריינט,
מיר זענען שוין מער ניט קיין קינדער, מיר האבן מיט קינדהייט זיך
איבערגעגעסן,
און שטייען, ווי שווערע זקנים, מיט רוקנס פארבויגן צום היינט.

ווער קען אונז דען גוט? ווער האט אונז געזען דען אמאל,
אין קאמערן ענגע, מיט פענער אויף גאסן, ביי טירן מיט ביקסן אין
הענט?
ס'איז פרעמד אונז דער ירדן און פרעמד יעדער פאלמען-טאל,
אין קרומע זאולקעס צווישן שייבלער און שטערנס האבן מיר אליין
זיך דערקענט.

דא: אין געבויגענע הייזער, אויף גרויע פארומערטע ראגן,
ביי טונקעלע טישן, ביי בעטן צעוויגטע, אויף שטולן צעבראכן,
האבן מיר מיט פינגער פארדרייטע זיך שעה'ען אין הארצן געשלאגן
און זענען, ווי גראזן דורך שפאלטן פון ברוק, צו דער זון דורכגעקראכן.

אפט פלעגן מיר ליגן מיט פיס אויפגעדרייטע אויף שמוציקע טרעפ,
אפט פלעגן מיר נאכוואיען הינט, אפט פלעגן מיר נאכשווייגן דעכער,
דער זין פון לעבן ליגט ניט אין טרערן, נאר איך קענען פארטראגן
קלעפ,
אין טרינקען און עסן און אין קוקן אלץ העכער און העכער.

אוודאי וואלטן מיר שטיבער געוואלט מיט פארהאנגען ווייסע,
דילן צעגלאנצטע, קופערנע קליאמקעס און טירן פריידיק צעמאכט,

אוודאי וואָלט יעדער געוואָלט שיילן מאַראַנצן און לייענען אַ מעשה,
נאָר אַזוי איז געווען און געבליבן — צו אונז קומט די ערשטע די נאַכט.

ניט מיט אייגענעם וויל איז אונז אין דעם צייט־גאַנג באַשטימט צו ווערן
דאָס צינגל, וואָס ווייזט דעם איבערגעוויכט פון פויסט, אָדער רעכט,
ניט מיט אייגענעם — איז אונז פאַרצייכנט צו אַלע פאַרשפּאַטע געהערן,
בלויז פון אייגענעם ווילן האָבן מיר פאַרקריצט אַ גלויבן אין לייב פון אַ קנעכט.

אַ ווערטער אַלטע, אייבּיקע ווערטער, ווערטער פאַרנוצטע, ווי גראַשנדיק געלט,
איך האַלט אייך אין האַנט, איך זוך די נשמה אין פינסטערן, שריידענדן לייב,
איך גלויב, איך פאַרטרוי, איך בין פול געהאַרך, ס׳איז מיינע די וועלט,
ליגן און אמת — איך קען אייך ניט טיילן, טרייהייט, דו איינע פאַרבלייב!

ס׳איז אַזוי: אַ לייב וועט ניט דרעמלען דאָרט, וווּ דאָס שעפּסל בלאָנדזשעט אַליין.
די קאַץ וועט ניט כאַוּוען קיין מייזלעך, ווייל מויז איז אין קימפּעט געשטאָרבן,
אַ לייב איז אַ מערדער אויך דאַן, ווען עס פאַלן אים אויס זיינע ציין,
און יעדער באַטראַכט אַלץ וואָס ער האָט, פאַר אַ זאַך, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן.

אוודאי איז הייליק דאָס בילד, וואָס דער נביא האָט אונז אויסגעמאָלט,
אָבער גרויס איז פאַר קנעכט די נקמה, אַזוי ווי פאַר האַרן אַ פעסט.
מיין שטאָם מאָנט ביי פעלקער זיין לוין, די העכסטע פּרייז איז באַצאָלט,
מיין שטאָם זאָגט: איך וואַרט, און אַ פויסט איז אין פיינען פאַרפרעסט.

כאטש מיר זענען ניט שטארק, פול טרוימען און זינלאָזע רייד,
פול טענות, וואָס וועגן ווי הארבסטיקע בלעטער, פול שפּאָט, וואָס
רוישט ווי א פליג,
זענען מיר דאָך די מענער, וואָס טראָגן אין גוף א צאפּלענדע פרייד,
און מיר קענען דאָס ברויט ניט דערעסן, דאָס קינד איבערלאָזן און
גיין צום הייליקן קריג.

מיר זענען שוין לאַנג מער ניט קיין הארן, די רייכע ביי אונז פארלאָזן
אונז גיך,
און די, וואָס האַלטן זיך רייך אין גייסט — ציען אַוועק עס צו פרעמדע
פאַרהאנדלען,
מיר זענען געציילטע מיליאָנען; מיט צעשויבערטע האר, אין
געשפּאָלטענע שיך,
און א ליגן איז בלויז, אַז מיר האָבן באַהערשט די קונסט פון גאַרן
און האנדלען.

אַך ביין, קליינינקע קרעמער, שוסטער און שניידער — דאָס זענען מיר,
יידיש פאָלק, יאָ, יידיש פאָלק — פאָלק פון שווערע געשוואָלענע הענט,
אויב ביי אונז ווערט א זון א דאָקטאָר, א ריכטער פאַרמאַכט ער די
טיר,
און פאַרשעמט בלייבט דער טאַטע שטיין אונטער די זאַטע, גויאישע
ווענט.

און אויב איינער ביי אונז ווערט א שרייבער, וואָס שרייבט פאַר
אייגענע בלויז,
און ער הונגערט און האָט ניט קיין דאַך, קיין רו און קיין פרייד,
זאָגט מען: פאַרפאַלן, אויף זיין קבר וועט בליען א רויז,
און דעם שרייבערס קינד רעדט א לשון א פרעמדס, ווייל צעריסענע
העמדער טראָגן יידישע רייד.

ביי אונז איז דאָ צופיל אומעט, וואָס קומט ניט פון וואָכיקע טעג,
אומעט פון דורות, וואָס האָבן געליטן פאַרשטשעמעט, פאַרעקשנט
און לאַנג,

אומעט פון מענטשן, וואָס גייען דורך שטחים און האָבן קיין שטחים פארמעג,
אומעט באַלעבאַטער אין פּיין און פאַרלעבטער אין בעטלעריש גאַסן־געזאַנג.

ביי אונז קען מען ברכות, וואָס קלינגען ווי הילצערנע לעפל אויף מעשענע טעלער,
און תפילות, וואָס שיטן זיך אויס, ווי כפּיצים פון אַלטע, צעריסענע זעק,
אויף חתונות ווערן ביי אונז די שטיבער אביסעלע העלער,
בלויז שפּילער און חשובע מוסרים גייען ביי אונז פאַקליידט אין פּרעק.

מיר זענען אָרימע מענטשן, מיר קענען ניט קושן קיין הענט, מיר קענען ניט ווילן;
איידעלע הערן, פאַרזעסענע פריילינס, באַטיטלטע קינדער, מענער מיט געלט,
ווען מיר הערן אין טעאַטער דאָס וואָרט: ‚רעכט׳, מוזן מיר פויסטן פאַרביילן,
און טרערן פאַרפילן דאָס אויג, ווען מען זאָגט: שיין וועט אַמאָל זיין די וועלט.

אָרימע מענטשן, האַסטיק אין ריידן, גיך אין דער ליבע: אָט, דאָס זענען מיר,
א ווערטל קען גיין צווישן פעלקער: אָרעם אַזוי ווי א ייד,
ביי אונזערע טאַטעס פלעגן מזוזות הענגען ביים טיר,
דאָך ביי אונז הענגט א פּרץ, ווי א פריץ א בייזער־פאַרעלטערט אין מיר.

צי קען מען מיט אים זיך גרויסן אַזוי ווי מיט משהן פון גרויסן תנך,
אַזוי ווי מיט דוד המלך, מיט שלמהן און כ׳ווייס נאָך מיט וועמען?

דאָר פֿילן די ליפּן אַ פֿרייד, ווען מיר ריידן זייַן שפּראַך,
און ווען עמיץ שמייכלט צום תּליון קומט ער פֿון גענשער בית־עולם
מיט אונדז זיך צו שמען.

ווער זאָגט אַז מיר זענען פּילשפּראַכיק, פֿאַלש אין פֿול האַס?
ווער זאָגט, אַז מיר זענען גרויבערדיק, מיט גיפּטיקע אויגן און גייציקע
פֿינגער?
מיר זענען דאָך שטענדיק די ערשטע, וואָס טרייבן פֿון אייגענעם לעבן
אַ שפּאַס
און דער שפּאַס מאַכט די ערד, וואָס מיר שיטן אויף טויטע, — צו
שיטן גרינגער.

יעדער פֿון אונדז אויפֿן ברעג פֿון ים, אין נאַקעטקייט, גלייכט די אַרומיקע
מענער
צווישן מתים פֿון שיפֿן צעקלאַפּטע די פּנימער אונזערער שיידט מען
ניט אויס.
בלויז אין פּייניקונגס־ערטער זענען מיר ניט קיין מענטשן — נאָר
פּענער,
אין אונדז איז דער גלויבן, דער צווייפֿל אין דער בונט פֿון אייַן גרויס...

אַ בענקשאַפֿט באַגלייטערין אַלטע, בענקשאַפֿט פֿון בוידעמער בלויע
און שוואַרצע שטיינער,
בענקשאַפֿט פֿון אַרבל אַז הענט, בענקשאַפֿט פֿון וויגן אַז קינדער,
העלף מיר איצט ווערן גלייכער. שטילער און רייַנער
און לאָז מיך מייַנע באַרירן אַזוי ווי דעם בעט ראַנד רירט אַז אַ
בלינדער..

און דאַן לאָז מיך ווידער דערוואַכן, לאָם איך אויפֿשטייַז צום גרויסן
גאַנג,
לאָם איך דורכשניידן גאַסן און שטעט, דעם ברי פֿון קוילן פֿאַרמיידן,
פֿילן געראַנגל און זיג, ווי דאָס לעצטע, גרויסע געזאַנג
און אויסגייַן ענדלעך אין פֿאָלק פֿאַרבונדן אין בלוט, אין ליבע און
ליידן.

## דו ווייטער נאָענטלינג

יאָר 1946.....

ווען ס׳וועט מיין נאָמען פאַרגעסן זיין פון לאַנג,
און ס׳וועט פאַרקלונגען זיין דער ציטער פון מיי שפּראַך,
זאָלסטו מיין אָפּשטאַם בלייבן שטיין אין גאַנג,
און נעכטיקן א נאַכט אונטער מיין דאַך.

דו פרעג די שכנים ניט אויף מיר,
זיי וועלן קיין זאַך דעמלט שוין ניט וויסן.
פאַרשליס בלויז הינטער זיך די טיר,
ווי איך פלעג אין מיין צער פאַרשליסן.

אָט דאָ האָב איך געלעבט, געגעסן און געשריבן,
גערעדט מיט טויטע און שטאַרבן ניט געקענט,
ווי א געיאָגטע מויז אין ווינקלען זיך פאַרקליבן,
און איבער צייט און רוים די הענט צו דיר געשטרעקט.

אָט דאָ בין איך געוואָרן צו מיין טאַטן גלייך,
און צו דעם טאַטנס טאַטן צום גרויען זיידן,
דאָס לעבן האָט זיך ארום מיר געריסן — א ווילדער טייך,
איך האָב געוואָלט דעם טייך מיט גוטע רייד פאַררייד.

און כ׳האָב באַקומען דאָן מיין זיידנס שטילן קול,
ווי ער פאַר פרעמדע מאָרדן געשלאָגן זיך על-חטא,
אין מיר האָט זיך געטראָפן דער הייגט און דער אמאָל,
מיין זיידע איז געווען גאָטס קנעכט, איך זיין פּאָעט.

נאַר ס׳פלעגט געשען אמאל, אמאל ביינאַכט,
און כ׳פלעג דערוואכן און אויסשרייען: גענוג.
גאָט, מיין הארץ האט זיך פאַר דיר פאַרמאַכט,
ס׳איז ביזן ראנד שוין אויסגעפילט דער אַלטער קרוג.

איך קען ניט מער אין דיר זיין אַנגעבונדן,
דאָס בלוט פון קדושים וויל מער ניט זיין פארגאָסן,
איך קען ניט גיין אלץ אין דעם קרייז דעם רונדן;
ליבן, גלויבן און ווי א הונט ווערן דערשאָסן.

איך וויל ניט מער אריינקוקן אין פרעמדע אויגן,
און שטיל אריינשמייכלען: זעט איך בין ניט שלעכט,
ווי אַלע מענער וויל איך האַלטן א מעסער אויסגעצויגן,
און כ׳וויל ניט זיין גוט און טויזנט מאל גערעכט.

דער קנופּ, וואָס האָט פאַרבונדן אונז, זאָל ווערן אויפגעקניפּט,
זאָל פרייער ווינט ווילד רוישן אין מיין לייב,
די גרויסע, שווערע ליבע מוז ווערן אויסגעליבט,
זאָל קינדער פּראָסטע ברענגען מיר מיין ווייב.

אַזוי האָב איך געיאָמערט געבראָכן אויף מיין בעט,
געוויינט, געשאָלטן און זיך אַליין צעביסן,
נאָר אין מיין גוף האָט ווער א זינלאָז הארץ פאַרקלעפּט,
וואָס שליידערט זיך און קען ניט ווערן אויסגעריסן.

און כ׳בין באַגינען ווידער געגאַנגען מיט מיין וועג,
און הינטער מיר און וויט פאַר מיר האט זיך געיאָגט מיין שטאַם,
די רויבער וואָרפן פרעמדע גוטס, געוואָרפן האָב איך מיינע טעג,
און פּאָרט געקומען, ווי מיין זיידע, צום שייטער־פלאַם.

אַ, דו מין ווייטער נאָענטלינג, ווען וועסט צו מיר דערגיין,
בויג זיך אַריבער שטיל איבערן פוסטן וויגל,

זוך אַפּ אין שוואַרצן האַלץ דעם שפּור פון צייַן,
דער שטומער פיינען־ביס איז אונזער אַלטער זיגל...

א זיגל ביי א זיגל, פון העלד, פון קריפּל און פון טרוימער,
און צווישן זיי די צייט — א רייסנדיקער שטראָם,
זאַפּ איין דעם צער פון האַלב־פאַרברענטע בוימער,
און אויך די שטילקייט פון טיפסטן תהום.

און ס׳וועט געשען: דו וועסט דערפילן דעם תהום אין דיר
טרעט ניט צוריק, שפּרינג אין זיין טיף אַראָפּ,
צעקלאַפּ די פינסטערניש, ווי א פאַרהאַקטע טיר,
און דורכן לייד וועט אויפגיין דאָס ליכט איבער דיין קאָפּ.

וועסט דורכדרינגען: דעם מענטש, דעם בוים, דעם הימל־בלאָ,
דאָס וואָס וועט זיין, און דאָס וואָס איז שוין לאַנג געווען,
וועסט פילן: דעם ווייטאָג פון א פליג, דעם אומגליק פון א קראָ,
און וועסט דערגיין, אַז טיף פון פיין איז גלייך צו טיף פון דעם דערזען.

און דאַן וועסטו דערוואַכן און זאָגן: איך וויל א וואָר, א צווייטע,
א וואָר פון שטערן, פון שטערן־בלומען און צאַרטע פינגער,
וועסט קלעטערן צוריק דורך שטעגעלעך געדרייטע,
און אויפגיין וועט צווישן די פעלקער א נייער זינגער.

דער ייד, וואָס וויל פון אַט דעם גורל־ליד אַנטלויפן,
און בויגט זיך פאַר די שוועלן פון יעדער גליקלעכן געווינער,
גייט אויף דער עלטער — א בעטלער איבער פרעמדע הויפן,
מיט בלעכלעך אויפן לאַץ, אַן אויסגעדינטער דינער.

ווער ס׳קען ניט אויסלעבן קיין אייגן לעבן,
קען אויך קיין פרעמדס קיינמאָל ניט קריגן,
איין לייב איז יעדערן געגעבן,
און דורך זיין לייב קען ער בלויז אויפשטייגן און זיגן.

דיין לייב בין איך. כ׳בין טויזנטער אמאָלן,
ווי וואַסער רינגען זיי טראָגן זיך פון מיר צו דיר.
דורך שטעט דורך אַפּגרונטן און טאָלן,
פאַרטראָג דעם אַלץ באַזינגדן אמאָל צו יעדער תפיסה־טיר.

אַזויפיל תפיסה טירן וואַרטן צעמאַכט,
באַרמאַך זיי הינטער זיך און זינג ביז פּיין,
וועד ס׳האָט מיט זיך, ווי מיט א גאָט, פאַרבראַכט,
וועט אין מיידאַנעק דער לעצטער ריכטער זיין.

אַ, ווייטער נאָענטלינג, איך שטרעק צו דיר די האַנט,
דורך וועלטן ניט געבוירענע, דורך זון און נאַכט,
דער גורל פון מיין לייב איז מיר באַקאַנט,
און ס׳איז באַקאַנט מיר אַזאַ שוואַכקייט, וואָס ברעכט די גרעסטע מאַכט.